נאך אזא גלות־גאנג,
טיפסטער תפיסה געפאנג,
מיט אזוי פיל געזאנג
צוריק אהיימגעקומען.

איז דאס משיג צו זיין?
קאן ווערן אזוינס פארשטיין?
יא, אז אונזער געוויין,
עס האט גאט דאך פארנומען.

אזוי פיל בראך נאך בראך
און עקסיסטירן נאך?
לעבן געבליבן דאך!
ס׳פרייסטע הארץ טוט זיך פרייען.

דעם 7׳טן מאי 1938.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין
פון יידישע זשורנאליסטן

---

## פ א ר ז א מ ל ו נ ג

**זונטיק, דעם 21־טן מאי, 1978, פונקט 3 א זייגער**

אין

1/2 ENDSLEIGH STREET, LONDON, W.C.1
B'NAI B'RITH HILLEL HOUSE

1.

**יעקב הלוי ז״ל ...................... שמואל גאלדשמידט**
**יצחק נתני ז״ל ...................... בערנארד גאר**
**אזכרה ...................... הרב ל. נ. בוים**

2.

**דער יידישער ישוב אין פראנקרייך ........ פראפ. ט. גראל** (פאריז)
פארזיצער: **יוסף פרענקעל**

---

איינטריט פריי — קומט אין צייט

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

479 — 39׳סטער יארגאנג — דעצעמבער 1978 לאנדאן

איגהאלט:

ירושלים, ביי דער כותל מערבי, משה רבינו, שמשון הגיבור, שמואל הנביא, דע רלעצטער נביא, דעם בעל־שם׳ס נסיעה קיין ישראל, דער חוזה מלובלין, מאמע־יידיש א.א. ...... *** 1
דער דיכטער אהרן ווערגעליס ...... נ. מ. סידא 20
יוסף פרענקעל צו פינף־און־זיבעציק ...... שמואל גאלדשמידט 23
א טרויעריקער טעות (דערציילונג) ...... הערמאן איזעראוויטש 25
מאמע, אזוי לאנג, צו דער יארצייט (לידער) ...... עלא זילבערג 29
א גרויסער רב און א גרויסער בעל מידות (עסיי)
הרב דוב ב. ווארשאווסקי ...... 30
א צעשיידונג (סקיצע) ...... א. זאכרין 32
איביקע ליבע (צום אנדענק פון פאעט שמעון זאלקין ע״ה)
אסתר ערליכמאן ...... 34
שוואנען־געזאנג (לידער) ...... א. נ. שטענצל 37
הארי פאריקער—פאצאנאווסקי—ע״ה ...... אייזיק גאלדבערג 48
לזכרון פון א וועטעראן־אקטיאר פון יידישן טעאטער נעט ...... רובין 49
יוסף מלאטעק און מ. פרענק ...... סעם גאלדבערג 51
שלאף מיין קינד (ליד) ...... דוד בערמאן 55
אן ענערגישער און גרויסער קעמפער פאר יידיש ...... סעם גאלדבערג 53
נעט רובין — א בעל יובל ...... אייזיק גאלדבערג 55
די היאריקע איסשטעלונג ביים בן־אורי ...... נעט רובין 56
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס ...... ש. 58
לאנדאנער קולטור ידיעות

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 20 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באַמאנטס גראיו, א.1.

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, GreatorexS Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

479 39׳סטער יארגאנג דעצעמבער 1978 לאנדאן

## ירושלים

ישראל און י־רו־ש־ל־ים,
יידיש שטעטל זיין געגליכן — —
פארגאזט, פארברענט, אויסגעשאכטן,
א ווארטנדיקס אויף משיחן.

די אייביקע עיר־הקודש
די עיר־עתיקה פארקויפן,
מיינט ווידער ציען דעם גלות,
און אומענדלעכע אין־סופן —

שטעטלדיקער ייד נישטא מער,
די איצטיקע זיך צעלויפן — —
מ׳קאן שוין זיין א גוי־גמור,
אפילו זיך נישט צו טויפן.

און דאס ביסל געבליבענע,
יעקבס לייטער ארויפקריכן — —
איבן אין זיבטן הימל
מקבל פנים זיין משיחן.

## ביי דער מערב - וואנט

יועז ביי דער מערב־וואנט געשטאנען,
רעדן געהערט איר יעטווידן שטיין — —
ווי צום צייכן געבליבן כ׳בין שטיין:
יווארט פאר ווארט געגוי כ׳האב פארשטאנען:

„איך, די כותל, בין שטיין געבליבן,
אויב איר חלילה זעלבסטמארד באגיין



## לאנדאנער קולטור ידיעות

דר. ישראל פעלדמאן, איינער פון די יידישליכסטער באקאנטע פערזענלעכקייטן פון מלכות ענגלאנד ווערט איצט א בן תשעים. מיר ווינטשן אים, אינזער פריינט נאך א סך גוטע און געזונטע יארן.

* * *

דער שרייבער הערמאן אויזער־גוויטש איז 86 יאר מיר ווינטשן אים עד מאה ועשרים מיט געזונט און נחת.

* * *

בר כ׳כבה נאראד פון דער מאז־ראדיצקי־דרוקעריי איז קראנק און געפינט זיך אין שפיטאל מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

* * *

א הארציקן מזל־טוב! צו דער חתונה פון בחור־הזעצער לארענץ און עוועלין קאלווער, דעם זון פון סילוויא און פון וואלי קאלווער — אנפירער פון דער נאראד דרוקעריי.

* * *

דער יידיש־וויסנשאפטלעכער און שרייבער יעקב מייטליס איז געווען אויף א לעקציע־טור אין אמעריקע.

* * *

דער באקאנטער שרייבער פון פאריז טוביה גראל האט געהאט א רעפעראט אין הלל־הויז איינגעארדנט פון יידישן שרייבער און זשורנאליסטן פעראיין און אויך גערעדט אויף אן אונט איינגעארדנט פארן חשובן גאסט אין הויז ביי לעסלי באר.

* * *

גוסטע געפמאן פארט אפ אויף א לענגערע נסיעה צו אירע קינדער קיין ישראל. מיר ווינטשן איר צו האבן דארט פיל נחת און פרייד.

* * *

יצחק קארן זייענדיק אין לאנדאן האט גערעדט איבערן מצב פון יידיש אויף אן אונט צונויפגערופן פונם שרייבער־ און זשורנאליסטן־פעראיין און איפגענומען פון די חברים ביי א גלעזל טיי מיט פארבייסן.

אברהם ליס דער באקאנטער יידישער שרייבער פון ישראל, דער אנפירער פונם שלום עליכם הויז אין תל־אביב, זייענדיק אין לאנדאן אין באגלייטונג פון פרוי, האט געהאלטן א רעפעראט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג.

* * *

דר. מיכאל גורן א יידישער פאעט פון ירושלים, זייענדיק איניקע טעג אין לאנדאן אין באגלייטונג פון זיין פרוי האט זיך געטראפן מיט לאנדאנער חברים.

* * *

אונזערע לאנדאנער אקטיארן גייען אן דעם גאנצן ווינטער מיט 2 פארשטעלונגען יעדע וואך. און נישט נאר, זיי זיינען מהנה דעם עולם מיט יידיש טעאטער — נאר מיט זייער שפילן ווערט געזאמלט געלד פאר כל ערליי יידישע אינסטיטוציעס און דער עיקר פאר מדינת ישראל.

* * *

די יערלעכע אונט אין דער וועסט־ענד פונם באקאנטן זינגער און אקטיאר סעם גאלדבערג איז אדורך מיט גרויס דערפאלג.

* * *

אויף דער יערלעכער אויסשטעלונג פון בן־אורי זיינען דא דריי סקולפטורן פון די דריי יידישע קלאסיקער: מענדעלע, פרץ, שלום עליכם געמאכט פונם סקולפטאר אברהם ניסנבוים.



צו באַגראָבן אײך אַ פּלאַץ ס'זאָל זײַן — —
אײַף דעם אײך דאָ צונױפגעקליבן!

װי דער דין איז הינטער אַ מױער — —
אַ שטײן געקענט רירן איר געװײן.
„אָ, דאָס װעט קײנמאָל נישט זײַן — אָ, נײן!"
איך אַרײנגעװײנט אין איר אױער.

## אַ ייד פאַר דער כותל

פאַר דער כותל מערבי,
מיט פאַרמאַכטע אױגן ר'בלײַבט שטײן,
און טרערן, גליאיקע הײסע,
נעמען רינען פון זיך אַלײן.

חטא חטאה ירושלים — —
„דערפאַר געװאָרן אומרײן,
גאָט, איז דען דײן האַרץ, חלילה
האַרטער פון האַרטסטן קיזלשטײן?

אָ, גאָט, װי קאַלט, װי אײזיק,
װי האַרט אַ האַרץ עס זאָל נישט זײַן,
עס מוז דאָך פאַרט אַמאָל שױן,
פון לױטער רחמנות צעגײן.

אַז מיר עס אױסגעהאַלטן
ביז אַצינד װער קאָן עס פאַרשטײן?"
זײַנע ליפן ציטערן,
בלוט צעביסן צװישן זײַנע צײן.

## די כותל

איז זי דען נישט געבליבן שטײן אַ ציל־פּונקט
פון דער װײַטסטער װײַט זי נאָך צו דערזען,
אין חשכות פינסטערן ביטערן גלות.
װאָס װײַט פאַרהױאַפּן מיר נאָר געװען?

אַז נאָך װאָגלענישן פון טױזנטער יאָר
דאָס גרױסע נס מיט אונז געקענט געשען,
דאָך צו האָפן, אַז אױך די פאַרברידערונג
פון מענטש צו מענטש ס'װעט דער מענטש נאָך דערזען.



פאַרװאָס מיר זײַנען די ערשטע דערגאַנגען,
װײַל די געיאָגטע מיר זײַנען געװען,
איז זי, די װאַנט אין בליק אונז שױן געשטאַנען,
מיט פאַרמאַכטע אױגן זי צו דערזען.

## צו דער כותל מערבי

האָסט געזאָלט מצבה זײַן,
װאָס נאָך אונז געבליבן שטײן —
דער טרעף־פּונקט גאָר אַצינד!

געיאָגט אַרום גאַנצער ערד,
און מיט פרײד דאָך צוריקגעקערט,
צו מאַמע פאַרלױרן קינד.

אױסגעקושט ס'איז יעדער שטײן,
געװאַשן מיט פרײד־געװײן,
טיף באַטאַפּט פון ליבשאַפט בלינד.

חלילה, די פרײד צעשטערט,
איז נישט נאָר דײַן פאָלק אױפהערט —
גאָט אַלײן, חלילה, פאַרשװינדט!

אַז מיר דאָך געקענט דערגײן,
פון דער פּײן נישט אױסצוגײן —
מאַמע אױף בראָך־שטול געװײנט!

דאָך דאָ אָן אױער, װאָס הערט
דאָס, װאָס עס װיל דערהערט ס'װערט,
אין די טיפסט פּײן פאַרשװינדט.

## משה רבינו

דאָס גאַנצע פאָלק אַקסל בײַ אַקסל שטײט,
גרײט צום אָפּמאַרשירן שױן אױסגעשטעלט;
מיט שװערד בײַ זײַט און מיט פײַל און בױגן —
פאַרױס פלאַמען פײַערדיק די אױגן.

תקיעה־שאַל נאָר הערן און געצױגן,
פון באַפעל אַ טריט נישט אָפּצובױגן.

ארום אים, יהושע'ן, משהס קנעכט,
די געזאמלטע ראשי־העדה
און די עלטסטע, וואס דאס כלי־זיין האלטן;
ער ב'ווינקל ווי זיך געוואלט באהאלטן —

געהערט די „ככל הגוים"־געוואלטן!
האט זיין הארץ נישט געקענט מער אויסהאלטן.

אז וואס פונם „אנכי" געווארן?
איך אליין נאך דערצו מיטגעהאלפן;
א כאפטע תרומה־מעשר נעמער,
בשמים־ווייררויך און בלוט־עמער.

א מסחר פון אקסן און פון לעמער,
ווי אלע פעלקער גלייך מ'זעמער.

נאר א מעשה זיך אליין אנצוטון!
ווי קורח פון חרפה איינצוזינקען!
איך שעם מיך שוין דאס, ווארט גאט צו טראכטן,
זיך אליין נישט מוזן צו פאראכטן.

א מיאוס פארשעמטן, אן אויסגעלאכטן,
זיך אליין א קרבן כאטש צו שאכטן.

און געלאזט זיך צום בארג ארויפלויפן,
זיך אראפצושליידערן און שטארבן,
נישט מער א מענטש־פנים צו דערבליקן,
איבער „ככל הגוים" גרעסטע גליקן.

מיך לאז שוין געפינען דא מיין תיקון
און שיק זיי מיט וועם דו ווילסט זיי שיקן.

און ווען אויף שפיץ־בארג ארויפגעקומען,
מיט לעצטע כחות, מיט ברכה אויף ליפן:
„זאלן זיי ס'צוגעזאגטע לאנד ארבן!
שטעט, ווייץ־וויגנדיקע פעטע גארבן",

האט גאט לבנה געבראכן, צוויי שארבן
געלייגט אים אויף אויגן בשעת שטארבן.



# שמשון הגיבור

## א

צווישן די זיילן א בלינדער,
ער שפאנט א פארוואונדעטער לייב:
דאס אויסגעלאסענע לאכן —
ס'איז דאך פון דלילהן, זיין ווייב!

יא, זיי האבן אים געפאנגען,
אבער נאך האט ער זיינע הענט,
און צוזאמען מיט זיי אויך ער —
פון גאנצן ארום איצט אן ענד!

ווי בלינד איך בין דאס געווען
אצינד ערשט איך זע עס ארויס — —
„אך הפעם" נאר דאס איינע מאל,
און צוזאמען מיט אלע און אויס.

## ב

זיינע אויגן אויסגעשטאכן,
אפגעשוירן די נזיר־האר,
צו א זונה אוועקגעגעבן,
פון די כחות זיינע די וואר.

איז וואס אצינד־א פון זיין פאלק
און פון אים אליין וואס וועט זיין?
זיינע בײדע הענט צו בעטלען
און זיינע אויגן פאר געוויין.

ליבשאפט האט ער געטון בעטן,
געמיינט אלע מענטשן ס'פאריינט — —
ניין, זיי וועלן'ס נישט הערלעבן,
אז ער, שמשון זיך צעוויינט.

## ג

נאך האט ער זײנע בײדע הענט
און אין דער ברייטער ברוסט זיין הארץ;
ליכטיק מוז ווערן פאר זיין פאלק,
ווי פינסטער ארום ס'חשכות שווארץ.

עס איז ווידער איר געלעכטער!
ר׳זעט ממש אירע ווייסע ציין.
יא, לעבן ס׳מוז זיין אייביק פאלק,
און ער מיט זיי דא אונטערגיין.

ער פילט ווי ס׳שפראצן זיינע האר,
אזוי זאל שפראצן זיין פאלקס קראפט;
אין ג׳אטס האנט ער איז גאנץ אצינד
און זיין כוח איפסניי זיך באשאפט.

ד

„אך הפעם״! נאך דאס איינע מאל,
צוזאם מיט אלע דא און אויס — —
זאלן אלע מענטשן וויסן
ווי ג׳אטס כוח געוואלטיק אומגרויס.

מיט לעצטע, מיט שטארקסטע כחות,
אין יעדער האנט א זייל ער האלט,
און איבער אים און אלץ ארום — —
זע, דער טורעם צוזאמענפאלט.

דלילהס געשריי ער הערט נאך,
און זיין הילכיק געלעכטער — זי!
דער הימל א צעפלאטערטער
פון ווילדע ראבן אנגעפלי׳.

## שמואל הנביא

א

דער טרעפער, דער צוקונפט־זאגער — יא, דער זעער!
יעדן האנט־שטריך, שטערן־קנייטש — א ברווו נעם און ליין,
מיט יעדנס צער און ווי ער ווערט אדורכגענומען,
מיט גרויס געטריישאפט, מיט מיטגעפיל מיט טיפסטן פיין.

איין בליק נאר בלויס ווען אין די אויגן אריין —
„הינני״! כ׳בין דא! די גרעסטע ליבשאפט אליין!
אין גוטסקייט מען נעמט גלויבן, זיין בליק מען דערזעט —
אין טונקל טרויריקסטן טאג די זון גיט א שיין.



ב

אויב ג׳אט גערעדט מיט משהן פנים אל פנים —
הארץ צו הארץ האט ער געשמועסט מיט שמואלן אליין!
פון כביכול גופא האט ער געלערנט,
דעם צער פון מענטש צו דערפילן און צו דערגיין — —

איז עס א קול פון רחלס קבר אין רמה?
מוטער חנהס תחינה ג׳אט אין אויער אריין?
ס׳צארטסטע גרעזל נאך צומהימל וויל דערגרייכן,
און דאס העכסטע הארץ אזוי געבוקט און קליין.

ג

ווען דערהערט ער האטדאס געשריי אין די גאסן:
צו מלחמה איצט ס׳גאנצע פאלק עס מוז גרייט שטיין״!
האט ער א טיפער ציטער געטון: „הנני״!
א קאגל איבערגייט פון געוואלטיק געווין.

„והיינו גם אנחנו ככל הגויים״!
ווי די פלישתים פונקט, ווי די אדומער צו זיין!!
שווערדן שארפן, שפיזן שפיצן בויגנס גרייטן,
גרעסטע פרייד ס׳איז גרייט אין אמלחמה צו גיין.

ד

„והיינו גם אנחנו ככל הגויים״
נאך ווערן חלילה עמלקים אליין!
בלויז צו טראכטן פון אזוינס א סך גלייכער,
אז נישט בלייבן קיין זכר פון מיין געביין.

רויט פון חרפה מען ווערט בלוט פארגיסן מען זעט,
טויט געפאלענע מען הערט כארכלענדיק אויסגיין!
כביכול דו, דו ביזט דאך דער כל־יכול,
אומגעהויער שווער דיינע מעשים צום פארשטיין.

ה

און ווען ער האט דעם עמלקי, דעם אגגי,
די שווערט געשטאכן טיף אינם הארצן אריין,
אויפגעציטערט אין אים דעמלט ס׳נביאישע,
ס׳געטלעך דערבארעמדיקע יאמער־געוויין —

קריעה געריסן דאס קעניגליכסטע קלייד,
שאול המלכס, אן פלעק זויבער ריין!
ווען דער רואה ס׳פּנים פּיקרוצה געזען
פּעטרשטאנען: א מארד קאן אמאל א מצוה זיין —

ו

אין שמואל דער רואה, דער זעער, דער טרעפער,
א שטיק מירמלשטיין, פארגליווערט געבליבן שטיין
נישט מער צו פארשטיין, משיג צו זיין, דערגיין —
„הנני״! עכא פון גאטס וואָרט פון איצט אן זיין.

כל עצמותי תאמרנא: ווי שווער
אין דיין שליחות תמיד ווו ס׳איז צו גיין,
הנני! יעדע רגע איך שטיי גרייט,
ווי הארב עס זאל נישט זיין, ווי נישט צו פארשטיין —

ז

באגלייטנדיקער קעניג משכמו ולמעלה,
ראפּטים זיין שטאלץ געווארן פּיטשעדיק קליין,
זיין מאיעסטעטיש רואיקער בליק צעצאפּלט,
ווי געציטערט ער וואלט פאר מינדסטן שיין.

און שמואל ווערט אלץ ליכטיקער, פלאמיק־לויטערער,
פייערדיק־פאקלדיקער, פונקלדיקער ריין,
און די גאנצע מחנה מוראדיק קוקט זיי נאך
מיט יראת הכבוד־שרעק נישט צו פארשטיין.

° ° °

„דערבארעמדיקער, פול מיט רחמים וואס דו ביזט,
דיין אויסגעשטרעקט האנט איצט כ׳זע און איך ליין — — —
האב דאך רחמנות אויף ארעמען מענטשן קינד״ — —
און זיינע אויגן מיט טרערן שטיל איבערגיין.



## דער לעצטער נביא

„משוגע איש הרוח״

ווען א דארן ברענט,
שרפעט און פלאקערט,
און ווערט נישט פארברענט —
אבער אז א גאנץ פאלק
און ס׳נעמט נישט קיין ענד —

צו וועם, תפילהדיק,
אויסשטרעקן די הענט?

און ווען צום נביא,
לעצטן בארפיסן,
זיך באוויזן גאט —
יענער געקוקט ר׳האט,
מיט א ווילדן שפאט.

און אויסגעשריגן,
משוגע ער האט:

„אויב דאס דער מענטש איז,
וואס באשאפן האסט?
איז וויל איך נישט מער!
נישט דו און נישט זיי,
ווערט צומאל א טרער.״—

משוגע אין גאס,
לויפט ער הין־אהער.

און ס׳יאגן אים נאך,
דעם ווילד־צעדרייטן,
נישט נאר קייט און קינד
נאר כאפטעס גאנצע,
הונגעריקע הינט.

און ס׳וויינט די שכינה,
די אויגן זיך בלינד.

ווען ס׳קימט האלבע נאכט,
שבעה ער זעצט זיך,
אויף דער עדד אראפ;
פולע לבנה הענגט,
א קרוין אויף זיין קאפ.

זע, א שטערן פאלט,
פון גאטס אויג א טראפ.

## דוד מלך ישראל חי וקים

אזוי געוואלטיק גרויס זיך צו הערפילן
און אזוי קליין קענען שטיין פאר גאט, אזוי קליין,
נאר דער זיסער זינגער פון ישראל אליין,
ער איינער כח דערצו געהאט אזוי צו זיין.

איין האר קוים נאך עס פעלט און ער האנגלט זיך
מיט קודשא בריך הוא, מיט כביכול אליין — —
און זע, ער שליידערט זיך גאר צו זיינע פיס,
מיט גאנצן כח און מיטן לעצטן געוויין.

° ° °

— הערט מען טאקעדי טריט פון משיחן,
אדער איז עס גאר דאס גרויסע געלויף,
וואס די יידן נעמען זיך צעקריכן?

—יא, דאס מיינט גאולה בכל אופן:
די פייגל זאמלען — זיך פריידיק צונויף,
די ראט אין די מייז זיך צעלייפן.

## דעם בעל-שמס נסיעה קיין ארץ-ישראל

וואלט ישראל בעל־שם דעמלט דערפארן,
וואלט נאך א ייד געווען אין ארץ־ישראל;
זיין צוריקגיין אין גלות דערגאנגען
העכסטע וואס א בן־אדם קאן דערלאנגען.

וואלט בעל־שם הקדוש דעמלט דערפארן,
איפן גאנצן גלגל־הארץ פון אונז אצינד
קיין שריד ופליט שוין נישט געוועזן — —
הונדערטער טויזנטער יארן מ׳וועט לעזן,

וואס די לעצטע צוויי הונדערט יאר געשאפן!
דעם בעש״טס א ווארט, א רבישע תורה,
א יידישע חכמה, א קלוגיטשק וויצל
טרויריקסט הארץ נאך מיט פרייד ס׳טוט א קיצל.

מיט וואסער אוצרות מיר קומען אצינד אן,
מיט מעשיות ממש פונם חומש ארויס,
מיט הימלישע רקודים, געזאנגען,
העכסטן, טיפסטן הימל צו דערלאנגען.

יא, אלע הימלען אויף ערד אראפגעברענגט —
מיט א קרעכץ טרויעריקסט הארץ צו דערפרייען!
אצינד קומט כל־ישראל, אלע צוזאמען
פון אלע עקן וועלט און שבעה ימים.



## דער בעל - שם

ווען דער בעל־שם א שוחט געווארן,
געשליפן חלף מיט געטריף פון טרערן;
זיין הארץ פון צער שיער נישט אויסגעגאנגען,
דעם טויט־געמריטש פון אקס ער פלעגט דערהערן.

אסך גרעסערע יסורים ווי דער אקס
ער, דער בעל־שם טוב, להבדיל, אויסגעהאלטן;
די ברכה זיינע איבער דער שחיטה
אלע זיבן הימלען געטון טון שפאלטן,

אבער קיין אנדערע ברירה געהאט —
א דבוק פון א מענטש מ׳קאן ארויסטרייבן!
אבער גיי טרייב א גלגול פוקאן אקס,
די יסורים פון בעש״ט מ׳קאן דען באשרייבן?

א, פון זיין ברכה „על מצוות שחיטה"
אויפגעציטערט עס האבן אלע הימלען;
און דער געשחטענער אקס די אויגן
פארגלייזט האט זיי ווי אין זיסן איינדרימלען —

* * *

קענמען דען אויסלייזן א נשמה,
אויב נישט גרעסטן צער מיט איר מיטגעליטן;
און דאס אייגענע הארץ, פון יסורים,
ווערט פון פיין ווי מיט א חלף צעשניטן.

## דער חוזה מלובלין

דער חוזה מלובלין
געזען האט וואס קומען ס׳גייט:
זעקס מיליאן אויסקוילן,
די גוים זיינען שוין גרייט.

משיחן אראפברענגען,
געוואלט ער האט פאר דער צייט,
אוממיט אלע כוחות
זיך געהייליקט און געגרייט.

פון תא שמע ביז חזי — —
ס׳איז פון גאולה דער גאנג!
„וכל העם רואים"
גרעסטן התגלות געזאנג.

צו זיין אין גלות
וויפיל דער שיעור, ווי לאנג
גאט בלויז ר׳מוז דערהערן
פון פערלאנגען דעם פערלאנג

דער סוד היסודות:
דער נחש־הקדמון־שלאנג
צעטרעטן מוז ווערן,
און אויס ס'איז גלות־געפאנג.

גאנצער עולם ארום
פון איין בליק זיינעם דערלייזט
ער א קוואל פול געווין,
וואס ס'גייט קומען ער ווייסט —

ווען דער חוזה תורה
געזאגט, די אויגן פארגלייזט,
הימלישע מדרגות
אלץ טיפער, העכער ער שפרייזט—

## צוויי מעשהלעך פון רבין ר' העשל

א

דער רבי ר' העשל, א קינד,
א גאר גרויסער נאשער געווען;
מאמע האט'ן שטארק ליב געהאט,
מיט איריסלעך אים צוגעזען.

קייגנאיבער צום געוועלבל,
אונזערהעשעלע אהין לויפט;
מוטער א שאקל מיטן קאפ טוט,
א פרוטה־איריסל געקויפט.

איינמאל זי איז נישט אין דער היים
אוקאים אן איריסל זיך וויל,
טוט ער מאמעס קופקע אן,
ווי זי ס'קעפל א שאקל שטיל.

ס'סוחרל אקייגנאיבער
דאך גוט געוואוסט שוין וואס דאס מיינט — —
ווען דאס איז ארויסגעקומען,
העשעלע העשנדיק געוויינט,

און פון דעמטל אן קיין זיסקייט
טועם טעם געווען ר'האט נישט מער — —
תמיד אין דעם ער זיך דערמאנט,
זיין אויג געשטראלט ליכטיקע טרער.



ב

ווען ער א בחורל אויפגעוואקסן,
א געוואלטיקער מתמיד געווען,
איינמאל דער פאטער אים אויפן הויף גאר
מיט חדר־יינגלעך שפילן געזען.

די אויגן ממש נישט גלויבן געוואלט,
איז עס מעגלעך ס'זאל טאקע זיין ער:
שפילט ס'צדיקל און ווען קיינער זעט נישט!
א קונדס ער איז און גארנישט מער.

ער קוקט אים שמייכלדיק פארוואונדערט אן,
העשעלע, פארשטייענדיק דעם מיין — —
„ווייסט וואס, טאטע," שמייכלט ער צוריק:
„התמדה קאן אויך א תאווה זיין.

און א תאווה מוז מען קענען ברעכן,
אויב נישט, איז עס דאך נישט לשמה מער".
פאטער אים געגעבן א קניפל אין בעקל
און אין אויג אים געלויכטן א טרער.

אויך אין הערשעלעס אויג א טרער געווען,
קוים זיך איינגעהאלטן פון געוויין —
אנגעהויבן פארשטיין ס'איז נאך עפעס
טיפערס דא, ווי א תוספות פארשטיין.

## „נו?" „נו - נו!"

א

ס'דערציילט זיך א מעשהלע,
פון טויזנט און איין נאכט,
עס איז א קינד געבוירן,
אנגעהויבן צו זייגן
און א ברכה געמאכט.

ב

„נו," האט די מאמע געזאגט
און ריידיק זיך צעלאכט
„נו־נו", האט ס'קינד געשעפטשעט — —
ווייסט איר ווער ס'קינד געווען?
גיט נאר שטילינק א טראכט—

ס׳קינד, יינגעלע יידיש !
מוטער עס איפגעבראכט —
מאמע־לשון : „נו ?“ „נו־נו !“
אזא מים־חיים,
קיינמאל זיך נישט פארמאכט.

## מ א ע מ - י י ד י ש

עס זיצט די מאמע־יידיש
מיט טרויעריקע אויגן,
ס׳איז די צייט פון פאטערלאנד,
וואס קאן א מאמע טויגן.

דערוואקסן שוין איז דאס קינד,
ברוסט נישט ברויך מער צו זויגן.

זיצט זי, די הענט אין שויס,
אירע בליקן טרויערן;
מיט טויזנט אויגן זעט זי,
טויט אויף איר קינד לויערן.

זי איז דאך א מאמע —
אויף בראך־שטול קינד געבוירן.

מיט הארץ־בלוט, מיט מאמע־מילך
אויפגעכאוועט, געזויגן,
מיט לעצטן ביסל כחות
צום לעבן אויפגעצויגן.

און אצינד איר אייגן קינד
די שווערד אויף איר געצויגן :

„מאמע מיט יידיש קאן מען
קיין שווערד אין האנט נישט האלטן
מען ליגט, א ציטערדיקער,
אונטערן בעט באהאלטן.

מיר ווילן מענטשלעך לעבן,
דורות וויטער איסהאלטן !“—

מאמע־בליק געאייביקטער
ווייענדיק געטון שליסן;
מוטער אויף איר געליבט קינד
וועט קיינמאל נישט פארדריסן.



אירע הייסע טרערן נאר
שטארקער גענומען פליסן.

און א לעבעדיקער קוואל
עס ווערן אירע טרערן,
אן אייביק פליסנדיקער,
קיינמאל נישט אויפצוהערן;

מים־חיים קוואל איבער
דער גאנצער ערד צו הערן.

## „יידיש שטארבט“, „יידיש איז טויט“

„יידיש געשטארבן“,
אפגעווישט שוין די טרער;
ירושה שוין צעטיילט,
נאך איר קיין זכר מער.

אויף פרישן קבר
וועלקט שוין דער בלומען־קראנץ;
יא, אין „יער־הערצל“
א בוים אויף איר געפלאנצט.

א „מלא“ געמאכט,
קדיש גיך אפגעזאגט;
שבעה געזעסן,
גאנצע שלושים געקלאגט.

קריעה געריסן
אין א לאך פון א לאץ;
דער געבליבענער
גרויסער ירושה שאץ —

ס׳ביסל בעכערלעך
געבליבן, זיך צעטיילט;
די בלוטיקע וואונד
אויף דער גיך אויסגעהיילט.

לחיים גארגל!
מערצעשעם אויף יארצייט,
ווען מצבה שוין
אויף קבר זיכער שטייט —

א, ניין! נאך יידיש?
יארצייט נאך זיך אליין!
אויב מאמע־לשון,
יידיש וועט מערנישט זיין —

א קבורת חמור,
הינטער בית־עולם וואנט;
פון א זעלבסטמערדער,
מיטדער אייגענער האנט.

## מאמעס ליכט בענטשן

די ח״י גראשן אין „מאיר בעל נס״ ארייננצווווארפן,
די מצווה פאר ליכט־בענטשן, די מאמע איר געגעבן;
די סומע פאר איר באמת אסך שווערער געווען,
ווי אכצן מיליאן רענדלעך פון ראטשילדן, כ׳לעבן.

די מאמע געשטאנען ביי די ליכט זיך געקלאגט, געוויינט,
איך פרום ציילנדיק יעדן גראשן ארייננגעווארפן!
ס׳אפגעציילטע פון איר מויל אזא גראשן נאך גראשן,
אונז קינדערלעך זאט צו מאכן ווי האט זי געדארפן.

זי האט זיך אויסגעדרייט צו אונז א שבת־צעשטראלטע,
זיינען נאך צו טרערן פייכט אויף אירע ווייסע געהאנגען;
איר זיסער „גוט־שבת״! דעמלט, און טאטע מיר געפירט,
אינם „שטיבל״ אריין — קיין ירושלים געגאנגען.

## י ז כ ו ר

דאס וואס מען האט אונז אפגעטון,
פאראן א שטראף וואס קאן פארגעלטן?
איז אזא קללה דען פאראן,
אזעטלכע רוצחים צו פארשעלטן?



א מורא צו טראכטן דערפון,
כאטש אליין א מערדער ווערן
אויב אבער אזוינס מוחל זיין
נאך ערגערס חלילה ווידערקערן.

דאס איינציקע וואס מיר קענען,
נישט פארגעסן און נישט פארגעבן — —
און בעטן ווי דאס אייגענע,
טייער זיין יעדעס מענטשן לעבן.

## 30 יאר מדינת - ישראל

בלומען לייגט מען אויפן קבר פון איין מענטש!
אויף זעקס מיליאן מענטשן געשענדט אין פארברענט,
זייער אש פארשפרייט אויף אלע פיר ווינטן,
צעפאכעט, צעפליגן אין אין־סוף אן־ענד?

אויף קבר פון איין מענטש מען פארפלאנצט אביים,
צוקאפנס א שומר לכבוד ר׳זאל שטיין — —
אויפן אש פון זעקס מיליאן אין ווינד פארשפרייט,
רוח־השם, גאטס גייסט פארגייט אין געוויין.

האב איך דאך געשווירן נישט אפצומעקן,
די מענטשן־קינדער פון פנים פון דער ערד,
איך בין דער אמת און וויל האלטן מיין ווארט!
מקיים אבער איך אצינד מיין ווארט יעצט:

אז מיין קינד ישראל צו זיין לאנד ווידערקערט,
אזוי ווי איך הייליק אייך געשווירן האב,
(קאן פאר שונאי־ישראל זיין גרעסערע שטראף?)
און פון גאטס אייגן לעצטע טרער פאלט טראפן.

## י-רו-ש-ל-ים

זעקס מאל ירושלים מלא,
מיט צוויי יידן אין תנ״ך פאראנען —
זעקס מיליאן הייליקע קדושים,
אויף קידוש־השם זיינען געגאנגען.

אז פון איצט און ירושלים,
פול מיט יידן שוין אייביק בלייבן,
נישט פסול ווי א ספר תורה,
בלויז איין ייד פארפעלט צו שרייבן.

מלא שמחה זיין די גאנצע וועלט,
אלע מענטשן וועלן ברידער ווערן — —
א הארא־טאַנצן איבער גארער ערד,
און מלחמות אויף אייביק אויפהערן.

„אל תשלח ידך אל הנער״!
אויף הר־המוריה אויסגעשריגן;
אלע מענטשן־קינדער ס׳איז געמיינט,
אייביקער זיג איבער אלע זיגן.

## דער דיכטער אהרן ווערגעליס

— א שבת־נאכמיטאג רעפעראט —

פון נ מ. סידא

אין פארבינדונג מיט דער איסצייכענונג, וואס דער יידישער דיכטער, א. ווערגעליס, האט געקריגן פון דער ארגאניזאציע פון שרייבער און דיכטער אין סאוויעטן־פארבאנד, בין איך געקומען רעדן, אין א שבת־נאכמיטאג, וועגן דער דאזיקער פריידיקער דערשיינונג, אויף דער איינלאדונג פון א. נ. שטענצל, וועלכער איז אויך דער רעדאקטאר פון „לשון און לעבן״ און דער גרינדער פון די באוואוסטע יידיש־ליטעראַרישע „שבת־נאכמיטאגס״.

אין מיין רעפעראט האב איך מיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף ווערגעליס לידער פון פריינטשאפט און לידער פון בענקשאפט, וואס מענטשן פילן איינער צום צווייטן. איך האב מיך אויך אפגעשטעלט אויף ווערגעליס לידער, וואס זענען אויף אן אייגנארטיקן אופן פול מיט דעם געפיל פון עכטער מענטשן־ליבע און דעם ברייטסטן און טיפסטן זין פון ווארט.

אסך פון די לייענער, פארשער און קריטיקער פון קארל מארקס קענען דעם טעארעטיקער און פילאזאף, מארקס, אלס דעם פארטרעטער פון דער אידעע פון קלאסן־קאמף הויפטזעכלעך, אבער זיי זענען אפט קיים באוואוסט אויף דער וויכטיקער ציטאטע פון קארל מארקסעס שריפטן, וואס זאגט: „איינע פון די גרעסטע נויטווענדיקייטן און באדערפענישן פון מענטשן אין לעבן, איז אנדערע מענטשן״.



א מענטש מוז האבן מענטשן, פונקט ווי ברויט, וואסער, לופט און ווארעמקייט.

אנגעהויבן מיט די ווילדע איינוואוינער פון די היילן ביז צו די ציוויליזירטע פליער אין די הימלען אלע מענטשן מוזן האבן די געזעלשאפט פון אנדערע מענטשן.

אויף א פארשידענעם אייגנארטיקן אופן, אויף א דיכטערישן אופן; און אן אופן, וואס רירט אונז אן ביים הארצן און רעגט אן אונזער פארשטעלונגס־קראפט, קומט דער זעלבער געדאנק ארויס אין ווערגעליסעס דיכטונג. ווען, צום ביישפיל, ער באשרייבט די אקאפעס, אין וועלכע די זעלנער — יידישע זעלנער און נישט־יידישע זעלנער — ליגן באהאלטן פאר דער שלאכט בעת די סאוויעטישע ארמייען טרעטן ארויס קעגן די פאשיסטישע, דייטשע־מערדער ארמייען.

א סאלדאט, א ייד פון דער טייגע, שטעלט איין זיין לעבן ארייננצוקריכן אויף אלע פיר אין דער אקאפע אריין פון זיינעם א פריינט, כלומרשט צו פארדרייכערן א ציגאר, כאטשע ער האט אליין זיינע שוועבעלעך אין זיין אייגענער קעשענע; כאטשע די שראפנעלן פליען אים איבערן קאפ, און די געפאר איז גרויס; סכנות־נפשות ארויסצואווייזן א פנים פון די אקאפעס ארויס. נאר די בענקשאפט צו זיין נאענט צום שכן אין דער צווייטער אקאפע איז שטארקער ווי די מורא פארן טויט.

צו פילן דעם אטעם פון א צווייטן מענטשן, די ווארעמקייט פון א חבר, צו זען דאס פנים פון א פריינט, צו הערן די שטימע פון א פריינט — אט די אלע זאכן אויף וועלכע מיר זענען זיך נישט אזוי באוואוסט אין דעם געוועגלעכן, נארמאלן, טעגלעכן לעבן, ווערן פארוואנדלט אין א פראגע פון טויט און לעבן.

אן אנדער ביישפיל איז דאס ליד וועגן יעגער. א יעגער וואס רעדט זער ווייניק און לעבט זיך גאנץ אליין — א גרויסן מהלך אוועק פון אנדערע מענטשן.

אין מיטן פון א זאוויערוכע, אין א פרירנדיקער נאכט מיט פארשנייעטע וועגן, קומט ער צו א פריינט זיך פרעגן אן עצה.

דאס נעבעדיקע ווארט, „עצה״, קריגט פלוצעם א גרויסן זין. מיר קענען מער נישט לאכן ציניש, אז „מיט עצות זענען מיר אליין פארזארגט״.

פאר אן עצה פון א פריינט גייט דער יעגער צופוס לאנגע ווערסטן אין קעלט און אין שניי אין א מוראדיקער נאכט. דער האמעטנער, דערבער יעגער ווייזט פלוצעם ארויס א טיפע צארטקייט, א קינדערישן צוטרוי, א ליבע צו מענטשן, די בענקשאפט צו א חבר; א ליבער, וואס איז זעלטן און שטארק.

צו אילוסטרירן דעם רעפעראט און אויסצודריקן זיין אפשאצונג, האט פריינט אייזיק גאלדבערג פארגעלייענט די דאזיקע לידער ווי אויך אנדערע, רירנדיקע, ווארעמע לידער און אויך איניקע פון די דערשיטערנ־

דיקע און הערבאישע לידער פון ווערגעליסן פאר אן עולם, וואס האט זיך צוגעהערט מיט א פארכאפטן אטעם און מיט טרערן אין די אויגן.

די אויסצייכנונג פון אהרן ווערגעליס, וואס לויפט זיך אויך צונויף מיט אנדערע וויכטיקע אויסצייכענונגען פאר יידן, האט אומדירעקט אינ־ספירירט דעם געדאנק — די אידעע — וועגן דער העראאישער עקזיס־טענץ און „זיך" פון יידישן פאלק אין אלגעמיינעם. מיט אנדערע ווער־טער, דעם געדאנק און דאס געפיל פון שטאלץ און גלויבן איז כח פון קאמף פאר גייסטיקער און פיזישער עקזיסטענץ, וואס לעבט אין יידישן פאלק. דער דאזיקער כח פון לעבן איז גרעסער און שטארקער ווי די צעשטערערישע קראפט פון אלע רוצחים, וואס האבן געוואלט פארניכטן דאס יידישע פאלק און וואס הייבן נאך איצטער אלע מאל אויף זייער מיאוסן קאפ און זייערע בלוטיקע אספיראציעס.

אלס א רעפריין צו מיין טעמע האב איך ציטירט די סטראפע „עס וועט נאך אפקלינגען אין אונזער טראט, מיר זענען דא!" פון דעם פאר־טיזאנער־ליד, מיט וועלכן די יידישע קעמפער האבן מארשירט קעגן די פאשיסטן. אין דעם כח פון שאפן ווערט באשטעטיקט דער כח פון יידישן פאלק צו לעבן און איבערצולעבן אלע רוצחים און בלוטיקע שונאים פון יידישן פאלק און אלע שונאים פון מענטשן און מענטשלעכקייט.

אונטערשטראכן זאל ווערן דער סימבאלישער זין פון אט דער סטראפע, אין וועלכער די ווערטער „מיר זענען דא!" באשטעטיקן אונזער גייסטיקן נצחון, כאטשע מיר קענען נישט און מיר טארן נישט קיינמאל פאר־געסן אונזערע בלוטיקע פארלוסטן אין דעם גרויסן חורבן אונזערן.

די זינגערין, רות באכנער, האט געזונגען דאס ליד מיט עכטן פאטאס און מיט טיפן געפיל.

א. נ. שטענצל האט אונטערשטראכן דאס קינסטלערישן ווערט פון אהרן ווערגעליסעס דיכטונג און ווערגעליסעס קינסטלערישע באדייטונג פאר דער יידישער שפראך און פאר דער יידישער ליטעראטור.

מאיר באגדאנסקי האט געזונגען יידישע פאלקסלידער און אויך בא־טאנט דעם געדאנק, אז וואו יידן לעבן און שאפן פילן מיר, אז מיר זענען „דא!". באגדאנסקי האט אויך געזונגען א ליד פון י. א. ליסקי, צו וועלכן ער, באגדאנסקי, האט געשריבן די מוזיק.

צום סוף האב איך געדאנקט דעם דיכטער, א. נ. שטענצל פאר זיין ליטערארישער ארבעט צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין לאנדאן און אומעטום דורך די „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס". איך האב אים געדאנקט פאר זיין שאפן אין דער יידישער שפראך און זיין אומהערמיד־לעכן קאמף פאר יידיש.

זאל ער לאנג לעבן און שאפן מיט אלע, וואס לעבן און שאפן אויף יידיש תמיד.





## יוסף פרענקעל צו פינף-און-זיבעציק

פינף־און־זיבעציק. וואס איז פינף־און־זיבעציק? א מענטש איז אזוי יונג ווי ער פילט זיך ווי ער זעט אויס. בן־גוריון האט אמאל געזאגט, אז מיר עלטערן זיך ניט אלע אויפן זעלבן אופן. מאנכע ווערן פריער אלט איידער אנדערע, וועלכע זיינען געבוירן געווארן אין דעם זעלבן יאר. מאנכע ווערן אפילו געבוירן אלט . .

פרענקעל ארבעט נאך א פולן טאג, אונטערנעמט נייע זאכן, זיצט אין קאמיטעטן. אבער א יובל איז עס — און מיר פייערן.

יוסף פרענקעל איז ניצול געווארן בדרך נס דריי מאל: ער איז געבוירן געווארן אין פוילן — גאליציע — און האט געקענט בלייבן שטעקן דארטן, ווי מיליאנען אנדערע יידן. ער איז אבער אוועק קיין ווין דארטן האט ער געלעבט און געלערנט, אין א יידישער סביבה, וואס האט גע־אטעמט מיט ציוניזם און געליטן פון אנטיסעמיטיזם. דער אנטיסעמיטיזם איז געווען אן איינגעהאלטענער אבער אן עקשנותדיקער. די נאציס זיינען געקומען קיין ווין און פרענקעל איז אנטלאפן קיין פראג. באלד זיינען די נאציס געקומען קיין פראג. אין סאמע לעצטן מאמענט, פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז פרענקעל אנגעקומען קיין לאנדאן.

אין פראג איז ער געווען דער אקטיווער קארעספאנדענט פון דער יידישער טעלעגראפן־אגענטור, און דאס האט געהאלפן ביי זיין ארויספארן. עס איז אבער געווען א נס מן השמים. אנדערע זיינען געבליבן שטעקן.

אנגעקומען קיין לאנדאן, האט ער איין צייט געארבעט ביי דער פעדע־ראציע פון יידישע הילף־ארגאניזאציעס, ווו ער איז געווען זער אנגעלייגט ביי די פליטים, וועלכע האבן געזוכט הילף. דער הומאניסט איז דא געקומען צום ווארט . .

ער האט חתונה געהאט מיט דאראן אין „איר רייד", און מיר האבן אלע געמוזט ארונטערגיין אין שעלטער ביז דער אלארם איז אריבער, ווען מיר האבן זיך אומגעקערט צו פראווען די שמחה.

דאס זיינען אלץ ביאגראפישע פאקטן. אבער וואס איז יוסף פרענ־קעלס פלאץ אין יידישן לעבן?

ער איז געווען א זשורנאליסט אלע זיינע יארן. עס איז כמעט ניטא א יידישע צייטונג ערגעצוו, אין וועלכער פרענקעל האט אמאל ניט גע־שריבן עפעס. פונדעסטוועגן איז טאג־טעגליכער זשורנאליזם ניט זיין היים. ער איז בעסער מיטן עבר איידער מיטן הווה. אפשר איז ער גאר גערעכט? די וועלט בייט זיך ניט אזוי אפט ווי מיר מיינען, אדער אנדערש געזאגט: וואס מער זי בייט זיך אלץ מער בלייבט זי די זעלבע . . .

פרענקעל האט א פאראנטווארטליכע שטעלע ביים יידישן וועל־קאנ־

גרעס, ווו ער פארנעמט זיך מיט דאקומענטאציע, גיט ארויס די פרעסע־איבערזיכט (יידישע ענינים אין אלגעמיינע און יידישע צייטונגען אויף דער גארער וועלט), און פירט אן מיט דער קאנגרעס־טעטיקייט אויפן געביט פון יידיש. פונדעסטוועגן איז ער ניט קיין געוויינליכער באאמטער. ער וויל אליין זיצן אין קאמיטעטן און ריידן פאליטיק, וואס באאמטע בדרך כלל טוען ניט, און ער האט מיינונגען וועגן יידישע פראגן, וואס באאמטע דארפן ניט האבן . . .

פרענקעל איז א היסטאריקער. ער האט ארויסגעגעבן א ריי ווערט־פולע אפהאנדלונגען פון מאנאגראפיעס. אבער ער איז ניט קיין מפרש פון געשיכטע. ער זאמלט פאקטן און דאטעס, ווי א קמצן קלייבט רענדלאך, אבער קומט זעלטן צו אויספירן. זיינע סימפאטיעס זיינען קלאר פון די טעמעס, ניט פון די אויספירן. אנדערע שרייבן די קאמענטארן — און זיינען בדרך כלל ווייט פון ציל . .

טא ווער איז יוסף פרענקעל?

יוסף פרענקעל איז דער גרויסער מזכיר נשכחות אין יידישן לעבן, אליין, אייגנארטיק און אן קאנקורענטן. זיין תקופה איז בערך צווישן 1850 און אונזערע טעג. וויסן, אינסטינקט, עקשנות זיינען עלעמענטן אין דער דאזיקער מיסיע. ער מאכט זיכער אז מיר זאלן ניט פארגעסן די פאקטן און די פערזענליכקייטן. ער גראבט און גריבלט זיך אין אר־כיוון דא און אנדערשוו. ער סארטירט פריוואטע קאלעקציעס, ער זאמלט אלטע צייטונגען. ער דרינגט אריין אין געביטן, וואס מען האט עד היום פארלאזן. ווי א טויכער פון פערל פארברענגט ער לאנגע שעהן אונטערן וואסער און קומט ארויף מיט טייערע זאכן . .

אזוי האבן מיר „טאג פאר טאג אין דער יידישער געשיכטע"; „די יידישע פרעסע אויף דער וועלט"; „יידישע ביבליאטעקן אויף דער וועלט". ווער א חוץ יוסף פרענקעל וואלט געקאנט, און געוואלט, אונטערנעמען אזא ארבעט און זי אויספירן? נאר א דאנק פרענקעלען געדיינקען מיר געוויסע דאטעס, וואס וואלטן פארגעסן געווארן, און דערמאנען זיך אן טוער און שרייבער, וועלכע האבן געמאכט א ביישטייער און קיין שכר ניט גענאסן ביים לעבן. ווען עס איז פאראן א ספק וועגן דער וויכטיקייט פון א דאטע, אדער א פערזאן — נעמט זיי פרענקעל אריין אונטער זיין פליגל און דרוקט זיי אפ אין זיינע אויסגאבעס. דא קומט אריין די גוטע נשמה . .

נאך אין 1936 האט פרענקעל פארעפנטליכט זיין מאנאגראפיע וועגן דר. הערצל. זינט דאן האבן מיר אנדערע מער גרינדלעכע ווערק וועגן שעפער פון פאליטישן ציוניזם. אבער פרענקעל איז געווען א פיאנער, דער ערשטער צו זוכן די פרטים און פרטי־פרטים. נאכדעם זיינען גע־קומען פרענקעל'ס מאנאגראפיעס וועגן ראבערט שטריקער, לויא ד. בראנדייס, און מתתיהו אחר (דר. נתן בירנבוים) ווי אויך זיינע אפ־



האנדלונגען „לוסיען וואלף און הערצל" און „דובנאוו, הערצל און אחד־העם".

דרך אגב, פרענקעל האט לוסיען וואלף צו גוט באהאנדלט. לוסיען וואלף איז געווען א דריט־ראנגיקער שרייבער, א בלינדער פאליטיקער, א שוטה בן פיקהאלץ ווי שלום־עליכם פלעגט זאגן, און א קאכלעפל, וועל־כער האט זיך געמישט צווישן יידן און געדינט די גויים אין זייער פרעסע ווי א „זהנטיק ייד" (אויפן משקל פון „שבת־גוי"). אבער ער האט געהאט צו טאן מיט דר. הערצל. דעריבער האט אים פרענקעל פארגעבן אלע זיינע הטאים. לויט פרענקלען, א מענטש וועלכער האט קארעספאנדירט מיט דר. הערצל האט ניט געקענט זיין אין גאנצן א טיפש . .

פרענקעל האט אויך רעדאגירט „די יידן פון עסטרייך", א גרויסער באנד. און אידהאב די ליסטע ניט אויסגעשעפט.

פריוואט לעבט ער אין א וועלט פון גאלע יידן, ווו די גויים האבן ניט קיין שייכות און קיין דריסת־הרגל. שפאצירן גייט ער אין די אונטערערדישע טונעלן פון לאנדאן טראנספארט. אבער אושטשיקי דאלני איז נאך אלץ א רעאליטעט.

פאראן א לאטייניש ווערטל: „גארנישט מענטשליך איז מיר פרעמד". וועגן יוסף פרענקעל קען מען זאגן: „גארנישט יידישלעך איז אים פרעמד".

הערמאן אויזעראוויטש *

## א טרויעריקער טעות

— א ראש־השנה דערציילונג —

אז ס'איז באשערט צרות, קומען זיי אין שטוב אריין, זאגט מען א ווערטל — און אז אונזער שטעטל, קאוועל, איז באשערט געווען א צרה, איז זי געקומען.

הערט אייס וואס ס'קען פאסירן מיט א פרומען ייד. ביי אונז אין שטעטל געפינען זיך כמעט בלויז פרומע יידן. אלע היטן אפ תרי"ג מצוות, נאר זענען נעבעך, גרויסע קבצנים. מילא, ארימקייט איז קיין שאנדע ניט, מ'שטופט זיך דורך ווי עס איז.

איבערן זומער ליגט כמעט א האלב שטעטל אין די סעדער. מען דינגט א סאד ביים פריץ און מ'ווערט פארשווארצט. אזוי מאכט מען זיך א לעבן. אויף די ימים נוראים קומט זיך יעדער סאדאווניק אהיים מיט עטלעכע רובל מיט אלערליי שאר ירקות פון קארטאפל, קרויט, באבעלעך א פולע פיר אויף א גאנצן ווינטער. פאקט מען אן א פולן קעלער, וועלכער געפינט זיך אונטער דער פאדלאגע אין דער שטוב — און אזוי גייט זיך דאס לעבן.

טרעפט זיך אמאל, אז דער שטן מקטריג פארפירט חיים בער דעם

שניידער, א פרומער ייד מיט א געלער בארד, א קבצן מיט אכט קינדער, קיין עין־הרע. און דער חיים בער פארגעסט די רעכענונג ווען ס'פאלט אויס הײַיאָר ראש־השנה. פון קיין לוח ווייסט מען נישט אין שטעטל, נאר יעדער איינער האלט חשבון אויפן קאפ. די שעה ווייסט מען לויט דער זון, אבער אים האכט זיך אויס, אז עס איז מיט צוויי טעג שפעטער און ער איילט זיך נישט. ער שאקלט אפ די ביימער, פאקט איין דאס אויבסט אין די פעסלעך. ער האט צייט א טאג פאר ערב ראש־השנה אהיימצופארן. ער ווארט נאך אויפן פריץ. ער מוז דאס יאר אהיימפארן מיט מער זאכן ווי פאראיארן.

אלע סאדאווניקעס האבן שוין אלץ איינגעפאקט און אויף אלע שאסייען ציען זיך וועגענער אין שטעטל אריין, באלאדן מיט פעק, פרויען און קינדער. ס'זעט אויס ווי ציגייַנער וואלטן געקומען צו פארן. יעדער איינער איילט זיך צו זיין פריי אין דער היים אויף ראש־השנה. א קלייניקייט די הייליקע ימים נוראים: צו זיין אין א כאד אליין צווישן גוים, נישט צו זיין אין שול, דאס האט נאך נישט געטראפן אין שטעטל מיט קיינעם.

ס'איז שוין ערב־ראש־השנה. אין שטעטל טומלט זיך, אויף אלעמען פאלט א פחד, יעדער איינער גייט ארום מיט מורא פארן יום הדין. דער קרעמער גיט שוין מער אכטונג אויף מאס און וואג, ס'זאל, חלילה, נישט פעלן.

פארנאכט ציען זיך שוין אלטע און יונגע, מענער און פרויען און קינדער, יום־טובדיק אויסגעפוצט. ווייבער מיט ווייסע קליידער ווייסע בלימעלעך אין די שייטלען, מיט מחזורים ארומגעבונדן מיט די נאז־טיכלעך, אלע פארוויינט. מ'ווינטשט זיך איינער דעם צווייטן „לשנה טובה תכתבו!“

אלע ציען זיך גרופנווייז דורכן מארק. מ'וואשט זיך די הענט ביי דער גרינער פלומפ גלייך אראפ צו דער יידישער גאס, וואו ס'שטייט די שול; א האלצענע געביידע, מיט א האלצענעם פלויט ארומגערינגלט, אויך א בית־המדרש וואס שטייט נישט ווייט פון דער שול, נאר שוין געמויערט פון ציגל, וואו דער רב וואוינט. און ס'הערשט עפעס אזא מין מורא אין שטעטל, אז קיינער האט נישט קיין צייט א טראכט צו טון וועגן חיים בערן.

חיים בער זיצט נאך אין סאד. ער האט נאך צייט. לויט זיין חשבון איז נאך צוויי טעג צו ראש־השנה. שאקלט ער נאך די ביימער און פאקט נאך איין אין די פעסלעך, גרייט אן פעטע הינער אהיים צו נעמען לכבוד יום טוב; און איז זיך צופרידן.

דעם צווייטן טאג ראש־השנה, ווען אלע זענען געזעסן אין שול און געוויינט און געבעטן אויף א גוט יאר. דער רב, ר' ישראליק האט פונקט געדרשנט פאר שופר־בלאזן, געמוסרט דעם עולם צו זיין פרום, דאווענען מיט ריינע געדאנקען; די ווייבער האבן געכליפט; אלע האבן זיך גרייט



געמאכט צום למנצח און צום שופר־בלאזן; און פאליש און אויפן שול־הויף האבן זיך געהאט צוזאמענגעדריקט מיידלעך מיט אויסגעצוואגענע קעפ, געפלאכטענע לאנגע צעפ, מיט ווייסע שלייפן און ווייסע קליידלעך, געקומען הערן שופר־בלאזן האט זיך פון ראכאטאווער שאסיי ארויסגע־לאזט א גרויסע פיר מיט פיר פערד געשפאנט, מיט אסך פעק, בעט־געוואנט, פעסלעך און נאך אסך זאכן. הינער האבן געקרייעט, קינדער האבן געוויינט און געזונגען. פון אויבן איז זיך געזעסן חיים בער, מיט זיין געלער בארד צעלאזן און ווינט. אויף די קני האט ער געהאלטן א פעקל. זיין ווייב, גאלדעלע, איינגעוויקלט אין א טוך איבערן קאפ, מיט א קליין זייג־קינד אויף דער האנט. פון הינטן האט זיך געריסן א שווארצער הונט און געבילט אויפן שטילן שטעטל. די פיר האט זיך געלאזט איבערן גרויסן מארק גלייך אראפ אין דער יידישער גאסן אריין וואו די שול שטייט דארט האט חיים בער געוואוינט.

חיים בער האט זיך ארומגעקוקט, אלע קראמען — פארשלאסן, קיין מענטש זעט מען נישט אין גאס. ער האט גארנישט געקענט פארשטיין וואס ס'טוט זיך. אריינקומענדיק אין דער יידישער גאס אריין, נענטער צו דער שול, האט ער געזען אין שול־הויף אזויפיל מענטשן, אנגעטאן יום־טובדיק האט ער ערשט פארשטאנען זיין טעות.

די מיידלעך אין שול־הויף האבן דערזען עפעס א פיר אויף דער יידישער גאס ראש־השנה, זיי געבן א קוק — אוי, א בראך א גרויסער! חיים בער מיט זיין גאנץ בעל־הבית אויף דער פיר! ס'איז געווארן א געשריי. דיגאנצע שול יידן און יידענעס זענען ארויסגעלאפן אינמיטן שופר־בלאזן, מ'האט געמיינט, אז א שריפה האט, חלילה אויסגעבראכן. ס'איז געווארן א געדראנג: ווייבער זענען געפאלן און געטרעטן איינע אויף דער אנדערער. ארויסקומענדיק אינדרויסן, האט מען ערשט דערזען דעם חורבן. אינמיטן גאס שטייט א פור און אויף דער פור חיים בער מיט גאלדעלען, און די קינדער זיצן און גלאצן מיט דערשראקענע אויגן און קענען זיך נישט רירן פון ארט. אלע רינגלען זיי ארום מיט געשרייען. יידן מיט טליתים און ווייסע קיטלען שרייען. מ'פרעגט חיים בערן וואס איז געשען, ווי קומט ער אזא זאך צו טון, אזא חילול השם?!

חיימבער פאלט אוועק און חלשט פאר צרות ס'וועט ווידער הימלען, מ'ראטעוועט חיים בערן, מ'טראגט אים אריין אינקשטוב. ס'ווייב מיט די קינדער קריכן אראפ פון וואגן, דער פויער שטייט, נעבעך און איין שרעק צלמט זיך און זאגט „באזשע מאי!“ ער ווייסט נישט וואס דא קומט פאר. אז מ'האט חיים בערן דערמינטערט, האט ער קוים ארויסגערעדט, „יידן, א טעות! איך האב זיך פארעכנט. גיט מיר א תשובה, איך וועל אלץ טון!“.

דאס דאווענען איז שוין געווען פארשטערט. אלע האבן געזעען, אז ס'איז נישט קיין גוטער סימן; אז אן אומגליק רוקט זיך אן אויפן שטעטל. דער פויער האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט די זאכן. איז מען

באלד געלאפן צום רב פרעגן אשאלה. האט דער רב געזאגט, אז אויב דער פורמאן וויל איבערנעכטיקן, וועט מען די זאכן אראפנעמען און זאל נישט, זאל ייזעף, דער שול־גוי, אים העלפן די זאכן אראפנעמען און זאל ער אהיימפארן ווייל אלע ווייסן, אז חיים בער איז א פרומער ייד, נאר ס׳איז געווען א טעות, וואס ס׳קען זיך טרעפן.

דער פייער האט מורא געהאט איבערצונעכטיקן, האט יוזעף אים צוגעהאלפן. נאך מיטאג איז ס׳גאנצע שטעטל יונגוואַרג געקומען זעען ווי מ׳נעמט אראפ די זאכן, און דער פויער איז זיך אוועקגעפארן מיט שרעק. חיים בער האט זיך נישט געוויזן אויף דער גאסן, געזעסן אין שטוב און געוויינט; א פארשטערטן יום־טוב געהאט . . ביז יום־כפור איז ער נישט ארויסגעקומען אין גאס אריין. אנגעטון אין א ווייסן קיטל און אין די זאקן, מיטן טלית איבערן קאפ איז ער געשטאנען א גאנצן טאג און געוויינט, זיך געקלאפט אין הארצן אריין.

צו נעילה האט דער רב געהאלטן א דרשה און אלץ אויסגעלייגט צום גוטן געהייסן די יידן תשובה טון, ווייל טאמער איז עפעס געהאנגען א גזירה רעה איבער אונז, זאל זי היינט בטל און צעריסן ווערן! טרערן האבן זיך געקייקלט איבער זיין זילבער־ווייסער בארד. דער גאנצער עולם האט מיטגעוויינט. חיים בער האט זיך געריסן די האר פון קאפ.

איבעראיאר, אז מיר וועלן דערלעבן, האט דער רב געזאגט, וועט ער אליין צו וויסן טון אלע סאדאווניקעס ווען ס׳פאלט אויס ראש־השנה און אזא חילול־השם וועט שוין מער נישט פאסירן.

אין שול האט געהערשט א טויט־שטילקייט. מ׳האט בלויז געהערט דאס וויינען פון די ווייבער אין דער עזרת־נשים. אינמיטן האט חיים בער ווילד א געשריי געגעבן: „חטאתי!״ און איז מיט א קרעכץ צו דער ערד אנידערגעפאלן . . .





## מ א מ ע

מאמע,
פארוואס האסטו געוויינט
אזויפיל
תשעה באב
און יום־כפור ביי נעילה?
וועלכע געדאנקען
האבן דיין הארץ אנגעפילט
ווען דו האסט געשיקט
צום בורא דייז תפילה?

צי האסטו
שוין דאמאלסט
געפילט די געפאר,
געזען דיינע קינדער פארברענען?
מיט דיינע טרערן, געבעטן,
דעם חורבן
פארמיידן צו קענען?

איך זע דיך ווי היינט,
אזוי ליכטיק
און ריין,
די אויגן פארגאסן מיט טרערן.
עס האט ניט געהאלפן,
מאמעניו מיין,
דעם חורבן ניט געקענט האסט
אפווערן!

געמענצעט, געשענדעט,
פארניכטעט
פארברענט;
קיין זכר פון זיי ניט געבליבן.
ווייל איך כאטש האפן,
אז די אייביקע וועלט
האט איך צוזאמען פארקליבן.

* * *

## אזוי לאנג

אזוי לאנג ווי עס שיינט די זון,
און אירע שטראלן גליען,
אזוי לאנג ווי עס גרינט דער וואלד
און אין פעלדער בלומען בליען,
טראכט איך ניט פון ווינט און קעלט,
ארט מיך ניט דער מארגן,
איך וויל געניסן יעדן שטראל,
פארגעסן אלע זארגן.

און שמייכלסט מיר אנטקעגן;
און אויב דו שענקסט א ליבןווארט
און טוסט זיך נאך מיר פרעגן,
שרעקט מיך ניט די איינזאמקייט.
איך פיל מיך ניט פארלארן
ווען איך ווייס, אז דו ביסט נאנט—
איך פיל ווי ניי געבארן.

אזוי לאנג ווי דו ביסט גוט

אזוי לאנג ווי איך גלויב אין דיר,
ווערן לייכטער מיינע ליידן;
דו ביסט געווען, ביסט איצט מיר מיר
וועסט זיין ווען איך וועל שיידן . .

* * *

## צו דער יארצייט

צו שוואך איז דיין קערפּער
געווען,
צו האלטן דיין ברענינגן גייסט,
די האסט ניט געפונען אין לעבן
קיין קיום, קיין זין און קיין
טרייסט.

אוועק, ווי א ליכט אויסגעלאשן,
פאר אונז א פינסטערע נאכט;
ווי קען מען אויפהערן צו קלאגן,
וואו נעמט מען צו לעבן די מאכט?

צייט קען וואונדן פארהיילן,
נאר דאס הארץ בלייבט שטענדיק
אין פיין,
אן דיר, אונזער ליכטיקער שטערן,
מיר וועלן קיינמאל ניט גליקלעך
מער זיין.

הרב דוב ב. ווארשאווסקי

## א גרויסער רב און א גרויסער בעל-מדות

הגה״ג ר׳ יהושע שפּעטמאן זצ״ל אי געווען א גרויסער רב פון א גרויסער אידישער קהילה אין לאנדאן — איז דאס אפשר נישט קיין נייעס, ווארים: „כמה יוסף איכא בשוקא״. . . אבעד דער חידוש מיט הרב שפּעטמאן איז דאס וואס ער איז געווען אנדערש פון אנדערע רבנים. ער האט מיט זיין דרך־הרבנות פארגעשטעלט מיט זיך עפּעס אריגינעלעס. ער איז געווען א קאלירפולע פערזענליכקייט, און האט, ווי א געשליפענער דימענט געשיינט. ער איז געווען ווי א לייכט־טורם אין מיטן ים . .

הרב שפּעטמאן איז אויך געווען א מענש פון קאנטראסטן. אליין א יליד פון לובלין אין פוילען, וואו זיינע עלטערן האבן אים דערצויגן אין א שטרענג־חסידישן גייסט, איז ער דאך קיינמאל נישט געווען קיין טיש־זיצער ביי קיין רבין. ער האט זיך טאקע שטענדיק געוויקט אין חסידות, אבער צו דער זעלבער צייט האט ער זיך גע׳חבר׳ט מיט מתנגדים . .

דער נפטר איז געווען באקאנט אלס א גרוסער בעל־כשרון; האט געהאט א פלינקע תפיסה און א זעלטענעם שארפן מוח. ער האט געהאט גרויסע השגות און האט געשטרעבט צו שלימות, זייענדיק דערביי אן אמת׳ער מושלם. הרב שפּעטמאן ז״ל האט געקענט גוט לערנען, געקענט רעדן און שרייבן, און ער האט זיינע עילוי׳שע פעהיגקייטן געשטעלט אין דינסט פון די ברייטע אידישע פאלקס־מאסן.

מער פון אלץ האט הרב שפּעטמאן געשיינט מיט זיינע גוטע מידות. ער איז טאקע געווען דער גרויסער תלמיד־חכם און בעל־מוח דער חריף ובקי, אבער גלייכצייטיק — באשיידן ביז גאר! א בעל־מעשה מיט ברען און פייער, און גלייכצייטיק — א הארציקער א מזוג טוב און א נוח לבריות. ער איז געווען אומדערשראקן שארף־אויסגעשפראכן, נישט געבויגן זיך פאר קיינעם, און נישט גענומען קיין באפעלן פון קיינעם.

נאך אלס יונגערמאן אין די צוואנציקער יארן, האט הרב שפּעטמאן



ז״ל גע׳שמ׳ט מיט זיינע אינהאלטסרייכע פייערדיקע דרשות, וואס ער פלעגט האלטן אין ווארשע און אין אנדערע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען וועגן געדאנק פון שיבת־ציון, אין יענע יארן איז ער געווען פון די מזרחי־פירער אין פוילען, און ער איז אויך פאר א געוויסער צייט געווען ראש־ישיבה אין אסטראוצער רבי׳ס ישיבה אין ווארשע.

פאר א צייט פון 35 יאר איז הרב יהושע שפּעטמאן ז״ל געווען דער מרא־דאתרא פון דער גרויסער ספרדישער „באר־דיטשעווער נעלסאן־סטריט שוהל״, אין לאנדאן, און האט אלס אנערקענטער מורה־דרך און רבנישע אויטאריטעט געפירט און מחנך געווען די גרויסע ווייטשעפלער אידישער קהילה אין זיין אייגנארטיקן תורה־דרך.

הרב שפּעטמאן ז״ל איז געווען דער איינציקער רב, וואס האט געוואגט, אויף נביאישן שטייגער, צו רעדן פון זיין שוהל־בימה ווי אויך צו שרייבן וועגן עקספּלואטאציע און רויב . . דער נפטר האט מיט זיין גאנצער פייער און פלאם געקעמפט קעגן די קריוודער, באזונדערס ווען זיי זיינען געווען נידעריקע היפּאקריטן (און זיידענע קאפּאטעס . . ). און זיך אנ־גענומען פאר געקריוודעטע.

אין רעדן מיט מענטשן אין שטוב, אדער אין גאס, איז ער געווען ליבליך, צוגעלאזן און נאאיוו אבער ווי נאר ער האט באטראטן די בימה אין שוהל, אדער וועלכע עס איז אנדערע טריבונע, האט ער זיך גלייך פארוואנדלט אין א לייב, פון וועמעס געברום אלע אין שוהל האבן גציטערט. ער האט געשטורעמט קעגן די לאנדאנער סיטי־לייט און די וואל־סטריט מאגנאטן, און האט אהן רחמנות אויפגעדעקט דעם שקר, צביעות און שווינדל פון די פארשידענע אויסנוצער, וואס בארויבן דעם שוואכן און אומבאהאלפענעם. און גאר באזונדערס האט הרב שפּעטמאן געריסן שטיקער פון די אזוי־גערופענע אידישע „פירער״, די קהילה׳שע קלימאקעס, וועמען קיינער האט נישט געוואלט. גאר פיינט האט ער געהאט די אומעטישע לייט, וואס רייסן זיך אין דער היינטיקער צייט אזוי שטארק צו זיין די „פירער״ פונם רעליגיעזן אידענטום. פונאים שטאמט טאקע דאס סאטירישע פאלקס־ווערטל: „די הייליקע אונטערוועלט״ .

אידן אין ענגלאנד געדענקן נאך די סצענע, וואס האט זיך אפּ־געשפּילט אויף א גרויסער רעטונגס־פארזאמלונג אין לאנדאן, נאענט פארן אויסברוך פונם צווייטן וועלט־קריג. ווען עס איז געקומען די ריי פון הרב שפּעטמאן צו רעדן, האט ער גענומען שרייען: „וואו זענען די אידישע לארדן: האבן זיי נישט אין זיך קיין אידיש בלוט?! . .

די ענגלישע פרעסע האט הרב שפּעטמאן׳ס געשריי דעמאלטצוטראגן איבער גאנץ ענגלאנד, און די דארטיקע אידישע לארדען אונבאראנגען האבן געשיקט זייערע מענטשן צו פארהאנדלען מיט הרב שפּעטמאן ז״ל . .

ווען הרב שפּעטמאן, דער הדרת־פּנים, מיט זיין שעהן־צעקעמטע באָרד און סאמעטענע יארמולקע אויפן קאפּ איז געשטאנען ביים פּולפּיט

און פון זיין מויל האבן זיך געשאטן פייערדיקע פערל — האט מען געזען פאר זיך א פראטאטיפ פון אן אמאליקן אידישן נביא.

דאס הויז פון הרב שפעטמאן איז געווען א בית־ועד לחכמים און זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן נויט־ליידענדן. עס זענען געקומען צו אים רבנים און שרייבער, פרומע און נישט־פרומע אידן; מען איז געקומען הערן זיין תורה און שיחות־חולין, וואס האבן ענטהאלטן חכמה, הומאר און סאטירע. ער האט געקענט רעדן מיט אלעמען, און ער האט אלעמען עמפאנגען מיט א ליבן שמייכל און געהאלפן יעדן איינעם מיט וואס נאר ער האט געקאנט.

הרב שפעטמאן איז געווען א שטענדיקער מיטארבייטער פון „די צייט" אין לאנדאן, און אנדערע אידישע אויסגאבעס, און האט אליין רויסגעגעבן צוויי וויכטיקע ספרים: 1) „חבלי הנשמה ומוסר היהדות", און 2) „בגיליפין", ווי אויך צענדליקער בראשורן און קונטרסים. הרב שפעטמאן איז אויך געווען א מיטגליד פונם „וועלט־פארבאנד פון רעליגיעזע אידישע שרייבער".

א. זאכארין

## א צעשיידונג

מיר זיינען געגאנגען האנט אין האנט ווי אויף א פארויס־באשטימטן וועג, שווייגענדיק, פארטיפט אין געדאנקען, וואס האבן געיאגט איינער דעם אנדערן אין א וועלכן עס איז באשלוס! דער טאג איז געווען זייער א הייסער, די זון האט געברענט און עס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי זי וויל פארברענען און אויסברענען דאס שלעכטס פון דער וועלט.

עס איז געווען שווער צו אטעמען און שווער צו גיין. און אזא הייס וועטער פילט מען זיך מיד און פויל. קיין בלעטל אויף די ביימער האט זיך נית באוואויגען, און די פייגעלעך, וואס זיינען אויף זיי געזעסן, האבן ניט אויסגעזען ווי לעבעדיקע נאר ווי פעס א גרויי געוויקס. און באלד איז דער הימל אויך געווארן גרוי און ווי מיט בליי באגאסן און אין דער לופט האט מען געפילט דעם שטורם, אס וועט זיך באלד אראפלאזן און אפפרישן די לופט. נאך דעם וועט דער הימל צוריק ווערן בלוי!

ווייניק מענטשן האט מען געזען אויף די גאסן, און די ווייניקע האבן אויסגעזען דערשראקן, טרויעריק און פארפינסטערט. אויף די ווענט זיינען געווען אויפשריפטן: „פארבאטן צו גיין אין גאס נאך זעקס אזייגער אין אוונט!" וואס און פארוואס האט קיינער ניט געוואוסט, אבער דערשראקן האבן אלע אויסגעזען.

אין די גאסן האבן זיך ארומגעדרייט מיליטער, באוואפנט מיט מאשינגעווער. מיר האבן זיך דערנענטערט צו איינער פון די גאסן, וואס פירן ארויס פון שטאט צו גרינע פעלדער: און אביסל ווייטער צו גע־



דיכטע וועלדער. ניט ווייט האט רואיק געראוישט א קליין וואסערל, מיט גאלדענעם זאמד אויפן באדן. און דער ניט שטארקער טיפקייט זיינען ארומגעשוואומען גאלדענע פישעלעך, וואס האבן פון צייט צו צייט ארויס־געשטעלט זייערע מיילעכלעך, אנגענומען לופט און צוריק פארשוואונדן.

איבערן וואסערל איז געווען א הילצערן בריקל. אויף דעם האבן מיר זיך אפגעשטעלט און אריינגעקוקט אין וואסער. אונזער פנימער האבן אויסגעדריקט ליידן, טרויער און אנטוישונג . . פון ניט־פארווירקלעכטע חלומות און צעשטערטע האפנונגען, פארביטערונג און יאוש. געגאנגען זיינען מיר ווי אנטשלאסן צו א גרויס געשעעניש, האלטנדיק זיך פאר די הענט. און עס האט אויסגעזען ווי אונזערע פינגער זיינען צוזאמענ־געוואקסן אויף אייביק, אז אזוי וועלן מיר שפאנען דאס גאנצע לעבן.

מיר זיינען אריבערגעגאנגען דאס בריקל און זיך אפגעשטעלט ביי א פעלד, וואו עס האט זיך געגאלדיקט דער צייטיקער קארן. צווישן די זאנגען זיינען געוואקסן די הימל־בלויע קארן־בלימעלעך. מיר זיינען ביידע געשטאנען פארטראכט, אן א ווארט צו ריידן. מיינע געדאנקען האבן מיך אוועקגעטראגן צו מיינע שיינע קינדער־יארן, ווען רואיק און גליקלעך און אין פרייד מיר האבן געלעבט און ווען איך האב פון די בלויע קארן־בלימעלעך געפלאכטן קרענצלעך. עס האט מיר גענומען דריקן אין הארצן א בענקשאפט נאך יענע יארן, וואס קומען קיינמאל ניט צוריק; די יארן, אין וועלכע מענטשן האבן געלעבט אין פרידן, און איין מענטש האט דעם צווייטן ניט פיינט געהאט; ווען איין מענטש האט נאך דערלאנגט א ברידערלעכע האנט און ווען אין אט די וועלדער האט מען געזונגען די הארציקע פרייהייטס־לידער פון די פרייהייטס־קעמפער; ווען קייטן און טורמעס האבן ניט געשראקן.

און אזוי חלומענדיק בין איך פלוצלונג אויפגעוועקט געווארן פון א דונער, וואס האט זיך דערהערט פון דער ווייטנס . . . און דער הימל איז געווארן נאך מער פארוואלקנט, און א קליין רעגנדל האט אנ־געהויבן שפריצן. איך בין ווידער געקומען פנים־אל־פנים מיטן היינט! די ווירקלעכקייט איז א טרויעריקע. די נעכטיקע פרייהייטס־לידער זיינען פארבאטן געווארן מיט לויבט פאר נייע טיראנען פאר נייע דעספאטן. ארויפגעצוואונגענע לידער, אן ארויפגעצוואונגענע לויב, א שרעק פאר יעדן פרעמדן אויג.

אן ארויפגעצוואונגענער גלייכער גאנג. ניט קוקן דעם אמת אין די אויגן אריין, ניט זינגען, ניט ריידן, נאר באזינגען נאר גיין און שפאן אויף דעם קרומען וועג אויף דעם בארג אראפ פון אונזערע האפנונגען; צו לעבן מיט דער שרעק פאר דעם גרויסן שטורם, צו וועלכן עס וועט זיך דערקלייבן די וועלט:

אלס רעזולטאט פון דעם היינטיקן פארקריפלטן אידעאל פון נעכטן, וואס טראגט היינט א פאלשן נאמען; און פון דעם קאשמאר, פון וועלכן

מען מוז אנטליפן, איינשטעלנדיק דאס לעבן. דאס האב איך געטון מיט דער הילף פון א טייערן יוגנט־פריינט, מיט וועלכן מיר האבן זיך געזעגנט אין דער שעה!

מיין פריינט האט מיר ניט געשטערט אין מיינע טרויעריקע געדאנקען, ווייל ער האט געטראכט דאס זעלבע. אבער ער האט נישט געקענט אנטלויפן. האט ער געפרואווט, אין דער מינוט פון אומפארמיידלעכער צעשיידונג, צו פארטרייבן פון מיר דעם טרויער, דערמאנענדיק מיר, אז מיר ביידע האבן אין איין טאג אנגעהויבן לערנען אין חדר. מיר זיינען געווען שכנים און אין איין עלטער. „געדענקסטו ווי די האסט געהאט א בעסערן קאפ און א בעסערן ווילן צו לערנען? און איך דער בן־הרב, דער זער געצערטלטער בן־יחיד, האב געווארט, אז א מלאך פון הימל זאל מיר אראפווארפן 5 קאפיקעס, כדי איך זאל וועלן לערנען!”

מיר נעמען ביידע לאכן, אויף א ווייל צו פארגעסן און ער וויל מיך נאך פרעגן צי איך געדענק די לעגענדע, וואס מיר האבן ביידע געלייענט, וועגן א פארליבטן פרינץ מיט א פרינצעסין. אבער דער רעגן האט זיך פארשטארקט, און מיר האבן גענומען זיך דערנעענטערן מיט גיכע טריט צו אונזערע היימען.

אט די שטילע צעשיידונג, די שעהן פון שווייגן זיינען געווען מער ווי ווערטער; איבערהויפט זיינען ווערטער ניט פעיק צו באנעמען א שטילע צעשיידונג פון צוויי יונג מענטשן, וואס האבן קעגנזייטיק געשפינען זיסע חלומות פאר דער צוקונפט. מיר זיינען צוגעקומען ניט ווייט צו אונזערע היימען, אונזערע הענט האבן זיך באפרייט איינע פון דער צווייטער. מיר האבן זיך אנגעקוקט שווייגנדיק און פארשוואונדן יעדער צו זיך אהיים. איך צו דער פרייער וועלט, און ער איז פארבליבן, אין דעם לאנד, וואס האט אנטוישט די וועלט. ער האט געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאן יידן. איך וועל די צעשיידונג קיינמאל ניט פארגעסן!

אט דאס האב איך דורכגעלעבט אין רוסלאנד אין יאר 1921.

אסתר ערליכמאן

## א י י ב י ק ע  ל י ב ע

— צום אנדענק פון פאעט שמעון זאלקין, ע״ה —

נאך א באזוך אין שפיטאל ביי א גוטן פריינט, וועלכן איך האב זער לאנג ניט געהאט געזען, האב איך, צו מיין גרויסן וואונדער, זיך דערוואוסט אז עס קען מעגלעך זיין אן אייביקע ליבע. ער האט זיך געפינען אין א שפיטאל אין לאנדאן פאר אומהיילבארע קראנקע, און איז אויך דארט געשטארבן.

ווען איך האב זיך מיט אים באקאנט איז ער נאך גאר יונג געווען,



ערשט 22 יאר אלט. א לעבן האט ער געמאכט פון שניידעריי, געווען אבער איז ער א פאעט און געשריבן גאר פיינע לידער, וואס האבן זיך געדרוקט אין „לשון און לעבן” און אין אנדערע צייטונגען.

ער איז געווען זער א באשיידענער און גוטער מענטש. זיין גאנג אין דער פאעזיע איז געווען לויט דויד עדעלשטאדט, אבער לויט מיין מיינונג שטארקער און טיפער. האט ער באוויינט די פארשקלאפטע ברידער מיט מער פערזענלעכער איבערלעבונג. אליין האט ער געשטאמט פון אן ארימער היים אין שקלאוו, דאס קליינע שטעטל אין דער ליטע.

איך האב זיך דעריבער געוואונדערט וויאזוי ער האט באזונגען די נאטור מיט אירע שיינקייטן, בלומען, פעלדער, וועלדער, טייכן, בערג.

ער האט געהאט א פרוי, אבער זיי זיינען געווען אינגאנצן פארשידן, ווי צוויי באזונדערע וועלטן. געלעבט האבן זיי אן ליבע, אבער ער האט זי צוליב דעם באדויערט און געווען זער גוט צו איר און זער געטריי.

צום צווייטן מאל האב איך אים צופעליק געטראפן ווען ער איז שוין אלט געווען זעכציק יאר און טיילווייז פאראליזירט. אבער ריידן האט ער נאך געקאנט. שרייבן איז אים שוין געווען שווער און דאס, וואס ער האט געשריבן, האט מען קוים געקאנט איבערלייענען. זיין פרוי האט מיך פארבעטן צו זיי אהיים און מיר האבן צוזאמען זער גוט פארבראכט. זיצנדיק געמיטלעך אין גארטן אין זיין קעגנווארט האט מיר זיין פרוי דערציילט, ניט אן אייפערזוכט אז איר מאן האט געהאט אן ערשטע ליבע, וואס ער קען ניט פארגעסן . . מיר האבן ביידע געלאכט, אבער ער איז געווען זער ערנסט און כמעט טרויעריק. פלוצלינג האט ער מיך געפרעגט צי איך וויל הערן.

געוויס בין איך געווען נייגעריק צו הערן פון א ליבע, וואס מען קען ניט פארגעסן. האט ער זיך אויפגעהויבן און ארויסגענומען פון זיין ביכערשאנק צוויי רוסישע ביכער, איין בוך פון נאדסאן און דאס צווייטע פון נעקראסאוו, און צו מיר געזאגט: „דו זעסט די ביכער? איך האב זיי צוזאמען מיט איר געלייענט.” „ווער איז זי?”—פרעג איך. „א, זי איז געווען א יידיש־רוסישע מיידל, 19 יאר אלט, א שיינע, א בלאנדע, א געלערנטע און א גוט־דערצויגענע, א פריילעכע און א פארליבטע אין דער רוסישער ליטעראטור, איבערהויפט אין אט די צוויי פאעטן.” און ער האט מיך געבעטן די צוויי באליבטע פאר מיר איבערצולייענען. אבער צו זיין גרויסן וואונדער האט איך זיך אויסגעשטעלט ווי אויף א בינע און האב די ביידע לידער רעציטירט אויף אויסנווייניק מיט באגייסטערונג!

איך האב אים געוואלט פרעגן צי זיין אייביקע געליבטע האט אויך אזוי געקענט, אבער איך האב ניט געפרעגט, ווייל איך האב געזען טרערן אין זיינע אויגן. „דערצייל ווייטער פון דיין ערשטער ליבע,” האט זיין פרוי געבעטן און ער האט גענומען דערציילן:

„איך האב זיך געטראפן און באקענט מיט יענער מיידל אויף א

קאַנצערט פון לאַנדאַנער „אַרבעטער־רינג“ און האָב זיך גלייך אין איר פאַרליבט. אָט די ביכער האָב איך צוזאַמען מיט איר געלייענט; איך האַלט זיי טייער און הייליק, אַזוי, ווי מיין טאַטע דער סופר זיינע ספרי־תורה, וואָס ער האָט געשריבן. איך וועל זיך מיט די ביכער נישט שיידן ביז צו דער לעצטער מינוט פון מיין לעבן.

„אין דעם טאָג, ווען איך האָב זיך מיט איר באַקענט, איז אין מיין לעבן פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. איך האָב זיך אָנגעהויבן טרעפן מיט איר יעדן אָפט. יעדעס מאָל האָב איך געבענטשט די מינוט, ווען איך וועל זי זען. מיינע אַלע לידער זיינען געווען געווידמעט צו איר און וועגן איר. די עטלעכע יאָרן וואָס איך האָב זי געזעען, זיינען געווען די גליקלעכסטע אין מיין לעבן. מיר האָבן צוזאַמען געלייענט פון אָסקאַר ווײַלד, קנוט האַמסון, זיצנדיק אין די לאָנדאָנער שיינע פּאַרקן. אָבער זי איז געווען, צו איר ניינצן יאָר, זייער נאַאיוו, כמעט קינדעריש און פול מיט לעבנס־פרייד. מיין האַרץ איז געווען פול מיט שרעק, און נאָך די עטלעכע וואָכן פון מיין גרויס גליק האָב איך, ציטערנדיק און מיט האַרץ־קלאַפּעניש, איר דערקלערט מיין גרויסע ליבע צו איר. איך האָב געוואָלט מיין לעבן פאַרבינדן מיט איר אין האָב געהאָפט, אַז עס וועט זיין קעגנזייטיק. איבער איר ענטפער איז געווען, אַז זי האַלט גאָרניט דערביי; אַז זי איז צו יונג, אין זי האָט מער ניט געוואָלט זיך טרעפן מיט מיר.

„שפּעטער האָב איך זיך דערוואוּסט דורך מיינעם אַ פריינט, אַז עס איז איר ניט געפעלן מיין פיזישער אויסזען. זי האָט צו מיר געשיקט אַ בריוו, אַז זי האַלט זער טייער די לידער, וואָס איך האָב פאַר איר געשריבן; אַז זי וועט מיר שטענדיק געדענקען. און זי האָט מיר געווינטשן צו געפינען אַ בעסערע און אַ שענערע פון איר, כאָטש אין מיינע אויגן איז זי געווען די בעסטע און די שענסטע פאַר מיר.

„נאָך עטלעכע וואָכן ליידן האָב איך געפונען גענוג מוט און איר געשיקט צוויי ביכער. נאָכן איבערלייענען האָט זי זיי מיר צוריקגעשיקט. האָב איך צו איר געשיקט אַ בריוועלע מיט אָט די פּאָר ווערטער:

„איך האָב געוואַנדערט איף אַ פעלד,
אין דאָרטן בלומען געזוכט,
נאָר ניט רייף איז נאָך די ערד
צו געבן דיזע פרוכט.
אין אַ צווייטן פערז:
עס קימערט מיך ניט, פריינט,
אַז דו ווילסט מיך ניט זען,
נאָר אַ מאָדנע געפיל מיך באַנעמט;
צווישן צוויי נשמות איז גאָרניט געשען,
נאָר איינע האָט די צווייטע פאַרשעמט.



זי האָט מיר פאַר דעם געדאַנקט און געזאָגט, אַז זי האָט ניט די ווערט פון די שיינע ווערטער און אַז זי איז צו יונג צו פאַרשטיין דעם זין פון ליבע. נאָך דעם האָב איך איר געשיקט נאָך לידער, און מיט דעם האָט זיך מיין חלום פאַרענדיקט. די וואונד פון דער ערשטער ליבע האָט זיך קיינמאָל מיר ניט פאַרהיילט.

„איך האָב געשריבן וועגן איר, געחלומט פון איר און געזעען נאָר זי פאַר מיינע אויגן . . . דאָס האָט מעגלעך געמאַכט מיין לעבן, ווייל איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל זי אַמאָל זען — וואו און ווען האָב איך ניט געוואוסט. נאָר צופעליק האָב איך זי געטראָפן ווען זי איז שוין אַלט געווען 55 יאָר, אָבער איך האָב געפילט און איר געזאָגט, אַז מיינע געפילן צו איר זיינען ניט פאַרענדערט געוואָרן, כאָטש איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ זיידע.

„איך האָב געציטערט פאַר פרייד און פאַר גליק און האָב פאַרגעסן מיינע יסורים און יעצט ווייס איך, אַז איך וועל זי מער ניט זען. איך בין אַ פאַרמשפּטער אַוועקצוגיין אין דער אייביקייט אַריין. יעצט ליג איך אין בעט מיט די צוויי ביכער, וואָס מיר האָבן ביידע צוזאַמען געלייענט.“

ער האָט מער נישט געקענט ריידן און איז שוואַך געפאַלן אויפן קישן.

א. נ. שטענצל

## שוואַנען - געזאַנג

1

האָט ווער געהערט ווען אַ שוואַן זינגען?
ס׳איז מער אַזאַ מין געהאַריש געוויין!
געוואַרט דעראויף זיין גאַנץ לעבן לאַנג,
לסוף, ווען ס׳קומט, האַלט ער גאָר ביים אויסגיין.

אָבער אַז ער האָט עס דאָך דערלעבט,
צעשפּרייטן זיך די פליגל ברייט און לאַנג,
גאַנצן הימל אַרומצונעמען,
דבקותדיק אויפצוגיין מיט זיין געזאַנג.

2

איז נישט מיין ערשט ליד שוין
אַ שוואַנען־ליד געווען?
עס שרייבנדיק, דעם טויט
פאַר די אויגן געזען?

און איצט, ווען שוואנען־ווייס
עס ווערן מיינע האר,
און איך טינטל נאך אליין,
ווערט עס ערשט ווירקלעך וואר?

ווייס־צעשווימטע כוואליע,
וואקלט שווערלעך מיין גאנג,
און מיין לעצטער בלוט־טראפ
דער „טראפ״ פון מיין געזאנג.

„פזר״! כ׳שפיר ווי דער טויט
ביים אויער מיך שוין האלט —
ווי וואונדערלעך זון שיינט,
און מיר שוידערלעך קאלט.

הער, ס׳צוויטשערט א שוואלב וואו,
צווישן צוויט ווייס צעבליט — —
ס׳וויינט ווידוי־פארשוויגן
מייך לעצט פארוואונדעט ליד?

## דער ריטם פון מיין געזאנג

ווי שיין מיין מאמע איז געווען,
די שכינה האט אויף איר געשיינט;
איר בליק אויף מיר געקוקט,
שטיל צעשמייכלט כ׳בין געווארן,
ווי מיך געריסן און געוויינט.

און ווען זי גענומען זינגען
דאס ציגעלע־מיגעלע ליד,
מיט די הענטלעך און פיסלעך
איר אקייגנגעטאנצט איך האב —
א רגע נישט צו ווערן מיד.

ביזגעלע צום היינטיקן טאג
ס׳איז דער ריטם פון מיין געזאנג!
ווען מיין הארץ איך מיר צעוויינט זיך,
קוק איך מיך אום, אויב איך הער נישט
מיין מאמעס וויגנדיקן גאנג.



מיט הענט און פיס איך צאפל,
און אויפגעשריבן מיין ליד ווערט!
יא, און נישט אויפהערן איך וועל
ביזגל מיך שטיל איינליוליען עס וועט
די וויגנדיקע מאמע־ערד.

## פרילינג 1978

צי וועט עס מיר נאך באשערט זיין
צו זען ווי ס׳צוויטן די ביימער?
הערן ס׳געטשוויטש פון די פייגל,
ס׳געפלאפל ליבשאפט געהיימער?

וועל איך׳ס נאך באזינגען קענען
מיט פשוטע מיינע ווערטער?
פרילינגדיקע, פרישע געפינען
שוין אזא צער־צעשטערטער?

זיצן אויפן גערטנדל־באנק,
הימל אדורכזיכטיק בלויער —
כ׳וועל מיך דאך שעמען פאר אים; קיין
פריש ווארט פאר מיין אלטן טרויער.

מיט וואס די זון באגעגנען?
מיט טרערן טרינקען „לחיים!״
אפשר ווען זי דערזען מיין הארץ
מיט פרייד־ווערטער מיך באנייען?

אויפלויכטן עס וועט מיין טרויער,
אין מיין הארץ, אין מיינע אויגן,
און פאר גרינגסטן גרינעם גרעזל
פארא גס שטיין כ׳וועל געבויגן.

## אין א צעשטראלט אלול-טאג

דער ארבע כנפות הארץ,
אין תכלת־הימל געהילט
ביז צו דער ערד די שטראלן,
ציציתדיק בלומען צעבליט.

מינדסט ווינטל פליט פארביי, קושט זיי,
גאַטס תפילין של־ראש — די זון!
און א פגימה ליכטיק צעגלאַנצט —
תפילהדיק גאנצער ארום.

שחרית זינגען די פייגל.
טויב ביקט זיך פרום און אויפהער:
איך הייב אויף מיין אויג צום הימל,
און ער באדט זיך אין א טרער.

## די טויב פאר מיין פענסטער

זע, זיי זיצן אויף די הייזער,
זיי וואלטן שבעה געזעסן;
ווי אויסהאלטן לאנגן ווינטער,
אזוי קאלט און ס׳ווילט זיך עסן.

ביז אראפ אין מיין שטוב אריין
כ׳הער זייער יאמערדיק ברומען;
איינע שוין טויט אראפגעגליטשט,
ערשט אז די נאכט וועט אנקומען.

## פייגעלע אויף קוימען

אויפגעכאפט זיך מיטן טרוימען,
שטייט א פייגעלע אויף קוימען
און זינגט א ליד צו דער זון.

כ׳בלייב פארבליפט מיך צוצוהערן —
ווי לויטער, ווי ריין! כ׳קען שווערן,
יעדן טאן כ׳פארשטיי דערפון.

כ׳פרואוו׳ס מיט ווערטער איבערזעצן!
טרערן מיינע אויגן נעצן —
ווי פריידיק בענקשאפט קאן זיין.

יעדער טאן אזויפיל טרויער,
ליבשאפט־צער ווי אומגעהויער —
און דאס ליד די פרייד אליין.



## די גרויע וואנט אקייגן

פון אלטקייט שוואך אראפגעפאלן
אדער זעלבסטמארד גאר באגאנגען?
די ווארקנדיקע טויב אקייגן,
אויבן אויף געזימס געשטאנען —

וואס פאר א תכלית ווארקענען ווארקען
און פון קיינעם נישט פארשטאנען?

ווי טרויעריק דאס הויז זעט איצט אויס,
ס׳געווארקע נישט מער צו הערן;
איז עס די טויב, איז עס דאס הויז?
דאס זון־אויג פילט זיך מיט טרערן.

באלד גאס־קערער זיך באווייזן,
מיטן מיסט טויב טויט פארקערן.

## אויף ווייטשעפל גערטנדל באנק

(דעם אנדענק פון די אמאליקע געסלעך דא)

מיט לעצט געפלאם זעצט זיך די זון,
כ׳זיץ אויף באנק מיד־קראנק א פארקלערטער;
בין איך ביים קלארן געדאנק נאך,
צי מטושטש שויך, א גאנץ צעשטערטער?

דער גאסן־געגיי, מארק־געשריי,
גאז געשטאנק, דער טומל געווימל;
מיינע אויגן אויפגעריסן,
בלוט פארגאסן דער גאנצער הימל.

דרייט זיך די זון, דרייט זיך די ערד?
מיין קאפ אויטא־ראד טוט זיך דרייען!
איך אליין גאנצער מבין שויך,
פון כל־ערליי מינים פארטייען.

זע, ווי ארום בלוט רויטע רויז,
ווי ס׳יאגן זיך ווילד לעצטע בינען — —
איז עס נאך האניק טראפ נאך גיפט?
מ׳קאן באמת אראפ פון זינען!

וואס ווייסן מיר פון דעם אלעם ?
איינער צווייטן רק אפצונארן!
אז עס האט יעדער זיין גאולה,
אויף וועלכע עס האלט אין איין הארן.

מ׳גריבלט זיך, מען קנייטשט דעם שטערן,
ביזגל מ׳בלייבט אין גריבל ליגן;
ביז מ׳הערט אויף דעם ניגון זומען
און עס ווערט שטיל דער גרויסער ליגן —

אז דאס גאנצע געבוירן —
כדי צו ווערן אין ד׳הערד באגראבן,
און א טויט הונגעריקער ראט,
פון זיין פגר הנאהזאל האבן — — —

## אין מיין געסל

אין מיין געסל שמש־גוי
צענטן צו מנין שלעפּט אריין;
בין איך אויכעט נישט איין מאל
איינער ס׳מנין משלים צו זיין.

— פון וואו איז דען געדרינגען,
אז מנין מוז דווקא זיין צען?
פון „עדה הרעה הזאת“ —
מסתם איינער פון זיי געוועז —!

מיטן מיין געגראם כ׳שטיי אויף,
צענטער פון דער עדה כ׳ווער —
כ׳כאפּ שנעל מיט דעם קאפעליוש
ווען זיין קלאפּ אין טיר כ׳דערהער.

אין אן אורח אין שול כ׳שטיי,
„סלח לנו“! אין הארצן איך קלאפּ:
אלץ דא אינז נאך געבליבן!
אט־א דער איינציקער כאפּ־לאפּ.

און שנעל מיט די קדישים
כ׳כאפּ אריין א קדיש נאך מיר;
און איך לאז מיך שוין אויף מיין
ווייטשעפּל־גערטנדל־שפּאציר.



## מיט צאפּלדיק הארץ אויפגעשריבן

און אז איך נעם די פעדער אין דער האנט,
גאנצער ארום א שרעק, מסוכן.
דאס גאנצע שטיבל פול מיט מיין שאטן,
ממש מורא מיך אומצוקוקן,

לייג איך זי אנידער און בלייב זיצן,
האב איך מורא דעם קאפּ אויפצוהייבן —
זע, דער שטן האלט די פעדער אין האנט,
מיינע געלעמט מיטן אין שרייבן.

## אזא שווייגן דורך אלע גלידער

ס׳פאלן אין ווינט די בלעטער פון די צווייגן —
וויפיל לידער די פייגל פון זיי געזינגען!
אצינד אזא מרה־שחורהדיק שווייגן.

אז די נאטן־בלעטער נישט מער פעראנען,
אין קופּעס מיסט ליגן זיי צוזאמענגעשארטע,
און לעצטע אויף צווייג ווו ציטערדיק וויאנען —

פייפייפן ביזע ווינדן זייערע לידער,
פון אלע געבראכענע צווייגן ארונטער,
אז אזא שווייגן גייט דורך אלע גלידער.

!

וועל איך דערקריכן,
מיינע אלטע טעג,
ווי א דזשאבע?

אהער א משיחל?
אדרבא!

?

כ׳צייל די פינטעלעך,
דאס קווא־קווא כ׳הער שוין,
און ווו איך האלט,
איך ווייס נאך אלץ נישט — —
שווער ווערן אלט.

## אן אסיען טאג

ווי שיין ס׳קאן אמאל זיין אן אסיען־טאג,
אין יעדן טראפן טוי שפיגלט זיך די זון;
אבער דאס קראנק פארלאזענע שוועלבל,
אליין אין נעסטל ווייסט גאר נישט דערפון.

ס׳צוויטשערט, ס׳ציטערט, ס׳צאפלט מיטן הערצל,
ס׳ווייס אפילו נישט, אז ס׳איז איין אליין!
און פאר פיבער־צעגליטע קראנקע זון,
געזאנג גאר סאיז זיין גוססדיק געוויין.

דאס שוועלבל געטשוויטשע ווערט שטילער שטילער,
ביזגל ס׳שלאפט איין מיט זיין לעצטן געשוויג
און די גאנצע נאכט די ראסע טראפן
געוויין־געשוויג פון זיין וויגעלע צוייג.

## א הונט אידער נאכט

. . . ס׳ציט זיך אזא לאנגע פינסטערע נאכט!
ליגן אונטער א פלאט פארשוויגן שטיל?
איז ווי נאר ער כאפט זיך ארויס פון דארט,
צעלאזט ער זיך מיט זיין הילכיק געביל:

א וועלט מישטיינסגעזאגט, פינסטער חושך,
אז מ׳זאל כאטש א מענטש זען אויף גאטס גאס
א וויסטעניש״! די לבנה ער דערזעט,
איידער זי פארגייט אויסגעלאשן בלאס.

ווי שנעל זי יאגט דאס, ווי פלינק זי איילט,
אפנים, אז אנטלויפן ווו זי וויל — —
מסתם וואס צוגעלאטכנט אין דער נאכט,
און ער לאזט זיך אויף איר מיט א געביל.

זי לויפט, זי לויפט און ער יאגט זי פלינק נאך.
און זע, ביידע שטייען גאר אויף איין ארט — —
האווקעט און בילט מיט לעצטן ביסל כוח,
אז זי זאל פארשטיין כאטש אן איינציק ווארט.



לאזט ער זיך שטיל צוריק אין זיין נארע,
ווי לאנג עס נעמט דאס ביז די וועלט דערוואכט — —
שווער דורכצוליגן א הונגעריקער,
אין א פארשוויגן לאנגע אסיען נאכט.

## נשמה - פלעמל

נישט בחינם הער הימל אזוי גרוי — —
קאפ פול איז מיט חשכות־געדאנקען!
האט אינם הארץ געברענט א פלעמל,
לעשט עס זיך און האלט אין איין צאנקען.

פון נשמה־פלעמל יארצייט־ליכטל,
די ווענט פול מיט שאטן־געפלאטער;
נישט נאר לעצט ליכטל אויסגעלאשן,
דאס הארץ אין זיין לעצטן געמאטער.

לאזט זיך הימל נידריקער אראפ —
שאוול ערד פינסטערער, גאר לעצטער;
דער גאנצער ארום טויט־שטיל קדיש
זאגן לויפט אן א ווינט געהעצטער.

אבער אז קיין מנין געפונען,
קיין אמן ווער עס זאל נאכזאגן
פאלט ער אויפן קבר אנידער —
א הונט מיט וואיענדיקן קלאגן.

## מיט פארזשמורעטן בליק די זון

און ווען איך וועל שוין מער נישט זיין,
אויף טראטואר דא מער נישט גיין.
טראכטנדיק, שטיל טרעטנדיק,
די וועלט און דעם מענטש צו פארשטיין.

מיט פארזשמורעטן בליק די זון,
זוכן דעם נארישן פאעט,
און איבער איר אליין ס׳וועט זיין
אזא מין טרויעריק געשפעט:

אויף הימל כ׳דריי מיך שוין ארום,
נישט נאר בלויז דא, נאר אומעטום
מיליאנען, מיליאנען יארן,
און ווייס אלץ נישט דעם טעם דערפון.

קיין גאנצער שוטה נישט געוועזן,
אבער ער האט נישט איינגעזען:
קיין טאלק סאי־ווי נישט דערגיין,
טא ווי ס׳געשעט זאל עס שוין געשען.

## אין א צעפיבערטער נאכט

א

א צעפיבערטע נאכט,
הימל, שטערן, צעשיינט;
ווי פון אן אפן בוך,
פון אים ארויסגעלייענט —

ס׳הארץ אין מיר צעצאפלט,
ווי א קינד זיך צעוויינט:

האבן מיר אים דערגרייכט,
האבן מיר אים אנטדעקט,
דעם אטאם, אז די ערד
זאל ווערן פערפעקט?

אדער — חס ושלום —
אינגאנצן אפגעמעקט?

אז פון איר נישט בלייבן,
חלילה, קיין זכר מער?
א תוהו ובוהו
א וויסטעניש און לער,

נישט בלייבן צומאל ווער
ס׳פארגיסט נאך איר א טרער.

אין אונז אליין עס איז,
אין מענטש אצינד געווענדט,
אז א ברכה ווערן
די מי פון אונזערע הענט?



אדער אפגעמעקט ס׳ווערט
די ערד און גאנץ פארלענדט.

ב

דער רשע הרגעט, ווייל ר׳איז שלעכט!
דער צדיק, ווייל ער איז גערעכט!
דערפאר ס׳מארדן איינער צווייטן
נישט אויפהערן אלע צייטן;
דער טעם נאר וואס טוט זיך בייטן.

די אורזאך? „סיבה”? „טעם”? א, ניין:
ס׳איז דער טעם פון בלוט, דאס געוויין,
וואס בריאה־מענטש ליב צו הערן,
און צווייטנס אויג צו זען טרערן,
ס׳זיך מארדן קיינמאל אויפהערן.

די אורזאך? סיבה? טעם דערפון?
ווייסטו נאך וואס עס שיינט די זון?
די גוטע טויב? שלעכטע מעווע?
אורזאך? סיבה? ס׳איז די טבע:
למשל, מעשה בת־שבע — —

רשע דערפון הנאה האט,
צדיק, נאטירלעך, רק פאר גאט — —
ביידע טייער צווייטנס וויען!
פרומע נאר ביי די געשרייען,
אויגן פארגלייזן, פארדרייען

ג

ווי לויטער קלאר דער הימל,
זע, א נייער טאג אויפגייט;
די אויפגעגאנגענע זון
אין מיין שויבן־פענסטער שטייט.

דער ארבע כנפות ארץ,
אין תכלת הימל געהילט,
ביז צו דער ערד די שטראלן,
די ציצית — בלומען צעבליט.

מיינע אויגן קושן זיי!
גאָטס תפילין של־ראש די זון —
אַן פּגימה ליכטיק צעגלאַנצט;
תּפילה דער גאַנצער אַרום.

אַזאַ סימפאָניע־געזאַנג,
טאָג און נאַכט אָן אויפהער!
וואָס די פידל און דעם סמיק?
דער קאָנטראַ־פּונקט ס'איז די טרער.

אייזיק גאָלדבערג

## האַרי פּאַרקער — פּאַצאַנאָווסקי — ע"ה

אין די יידיש־ליטעראַרישע קרייזן, אַזוי אויך ביי דער אַקטיאָרן חברים־טרופּע אין לאָנדאָן און אין מאַנטשעסטער, איז מען טיף געריהרט געוואָרן מיט דעם פאַרלוסט פון דעם טייערן יידישן־ייד, האַרי פּאַרקער — פּאַצאַנאָווסקי — ע"ה.

איך האָב מיך מיט אים באַקאַנט אין די לעצטע מלחמה־יאָרן, 1944־45, ווען איך בין אַוועק פון לאָנדאָן צוליב די גרויסע בליץ־באָמבאַרדירונגען קיין מאַנטשעסטער. דאָרט האָב איך, מיט מיין חבר מאיר ניסענבוים — וווינט יעצט אין ניו יאָרק — און נאָך אַנדערע פריינט, געזוכט עפּעס אויפצוטון מכוח אַ יידיש־ליטעראַרישער טעטיקייט דאָרט אין מאַנטשעסטער; אויך וועגן צוזאַמענטרעפן זיך ביי רעפעראַטן, יידיש־ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און אַזוי ווייטער.

אַלס פרעמדע, איז עס אונז געווען זער שווער עפּעס אויפצוטון. באַלד האָבן מיר זיך דערוואוּסט פון דעם טייערן פריינט האַרי פּאַצאַנאָווסקי, וועלכער האָט אונז באַקאַנט געמאַכט מיט די טייערע פריינט פון יידיש, ל. אַלמאַן און מענדעלעוויטש, דער פאָטער פון דעם באַליבטן יידישן שוישפּילער, מענדעלעוויטש פון דער יידיש־טעאַטער חברים־טרופּע אין לאָנדאָן. אין אָט די דריי טייערע יידן האָבן אונז באַקאַנט געמאַכט מיט נאָך אַנדערע. אין אַ קורצער צייט האָבן מיר זיך געפונען ביי די דאָזיקע דריי וואוילע יידן ווי ביי זיך אין דער היים.

צוזאַמען מיט זיי האָט מען געגרינדעט אין מאַנטשעסטער אַ פאַריין „פריינט פון יידיש־לשון", מיט אַן ערך אכציק מיטגלידער. מען האָט אָנגעפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט פון ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, באַזונדערס מיט אַרויסרופן רעפערענטן פון לאָנדאָן, ווי דעם דיכטער א. נ. שטענצל, די דיכטער משה עובד, דעם דיכטער י. ה. לעווי, שלמה אויערבאַך, שמואל וואַהיט, אסתר קרייטמאַן, עלעק וואַטערמאַן. אויך איז דאָרט געווען דער שרייבער און קולטור־טוער ד"ר מייטליס.



איך האָבן מיר געמאַכט אַ הזכּרה־מעמאָריאַל נאָך דעם באַקאַנטן לאָנדאָנער רעדאַקטאָר מאָריס מייער, מיט דער באַטייליקונג פון שוישפּילער מאַרק מאַרקאָוו, פון חזן פון דער האַרטיקער צענטראַל־שול און אַנדערע. ביי אָט דעם הזכּרה־מעמאָריאַל איז אַנוועזנד געווען אַן עולם פון אַן ערך הונדערט יידן.

נאָך דער מלחמה, ווען איך בין צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, האָט עס מיך געפריידט צו הערן, אַז אַדאַנק האַרי פּאַרקערס באַמיאונג איז דאָרטן ווייטער אָנגעגאַנגען אַ טעטיקייט אויפן געביט פון יידיש.

דער נפטר, האַרי פּאַרקער — פּאַצאַנאָווסקי — איז אַחוץ דעם די גאַנצע צייט פון עטלעכע און דרייסיק יאָר געווען פאַרבונדן מיט לאָנדאָן; האָט געשריבן חורבן־פּאָעמעס אין „לשון און לעבן" ביי א. נ. שטענצל. אָפטמאָל, ווען ער איז געקומען קיין לאָנדאָן, פלעגט ער אויפזוכן זיינע פריינט פון יידיש און יידיש־טעאַטער. אָט דאָס האָט אים געגעבן אַ גײַסטיקע באַפרידיקונג.

לאָמיר האָפן, אַז דאָס גייסטיקע פלעמל, יידיש, וועלכעס עס האָט אַזוי אויפגעהאַלטן, וועט ווייטער אָנגיין צו לויכטן.

כּבוד זיין אָנדענק!

נעט רובין

## לזכּרון פון אַ וועטעראַן־אַקטיאָר פון יידישן טעאַטער

איינער פון די גאָר עלטסטע יידישע שוישפּילער אין לאָנדאָן איז פון אונז אַוועק אין דער אייביקייט אין חודש אייר. דאָס איז געווען אייזיק קאָהן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט ער געהייסן אייזיק רובינשטיין. צום יידישן טעאַטער איז ער געקומען ווי אַן אַמאַטאָר, דאָס הייסט פּשוט אַלס ליבהאָבער דערפון און מיט דער צייט איז ער שוין געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנאַל.

איז עס דאָך נישט קיין נייעס, אַז די געשיכטע פון יידישן טעאַטער הייבט זיך איינפאַך אָן מיט אָט אַזעלכע אַמאַטאָרן יחידים און אַמאַטאָרן טרופּעס נאָך פאַר דער צייט פון אַבֿרהם גאָלדפאַדן; וואו עס איז נאָר געווען אַ יידיש־ריידנדיקער יישוב צי אין רומעניען צי אין רוסלאַנד אָדער פוילן און עסטרייך. אומעטום אין אָט אַזעלכע ישובים האָבן בחורים און מיידלעך זיך גרופּירט מיט דער כּוונה צו אַנטוויקלען די בינע־קונסט פאַר יידן. נאַטירלעך זענען עס געווען יונגע מענטשן מיטן געהעריקן טאַלאַנט.

פון אָט אַזעלכע גרופּן, מיט דער צייט, זענען טאַקע אַרויסגעקומען בינע־קינסטלער און קינסטלערינס, וואָס האָבן זיך פאַרשאַפט אַ שם אַלס גאָר גרויסע קינסטלער; געוויסע יחידים פון זיי האָבן אַפילו דערגרייכט אָנערקענונג אויף אייראָפּעאישע בינעס. שפּילנדיק אויף אַנדערע לשונות.

מיטן עמיגראציע שטראם פון פוילן, רוסלאנד און רומעניען ביים סוף פון פאריקן יארהונדערט און אנהייב פון איצטיקן יארהונדערט, זענען זיי געקומען קיין ענגלאנד און קיין אמעריקע, וואו אט די דאזיקע אמאטארן־שוישפּילער האבן ווייטער געזוכט צו אנטוויקלען זייערע טאלאנטן, איצט ממש שוין אויף א פּראפעסיאנעלן אופן.

לאו כל אדם זוכה! ממילא איז א טייל פון זיי פּשוט פארבליבן דאס וואס זיי זענען לכתחילה געווען — אמאטארן און טאקע אזוי שוין אויפן גאנצן לעבן. אייזיק רובינשטיין איז עס אזוי געבליבן אויף לאנגע יארן, אבער להלוטין נישט איבערגעריסן צוליב דעם מיטן יידישן טעאטער! יא אמאטאר נישט פּראפעסיאנאל, אבער אין הסכם מיטן טייטש פונם ווארט אמאטאר האט ער ליב געהאט ד סיידישע טעאטער און כסדר זיך באטייליקט הערין.

זיין ספּעציאליטעט איז געווען כאראקטער־קאמישע ראלן, אין וועלכע ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט אנערקענונג סאי מצד חברים סאי מצד פונם פּובליקום. אזוי איז פארבליבן מיר און אנדערע אין זכרון זיין שפּילן האצמאך אין גאלדפאדענס „באבע יאכנע“ אלס שמיה און יעקב גארדינס „דער יידישער קעניג ליר“, אלס ר׳ שלום שדכן אין שלום עליכמס קאמעדיע „א סודקע“; אלס חיים יולי אין משה ריכטערס א פּיעסע און אין נאך אנדערע, מיט באמת גרויס דערפאלג.

נאך מיין אהערקומען פון פוילן, אנפאנגס 1919, און אביסל שפּעטער, ווען כ׳האב געמאכט באקאנטשאפט מיט די היגע אמאטארן־שוישפּילער, איז אייזיק רובינשטיין שוין געווען א מאן פון אן ערך 40־35 יאר. ער איז דעמאלט שוין געווען פארבונדן מיטן היגן יידיש טעאטער נאך פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אזוי אויך פארבליבן כל ימיו.

לאנגע לאנגע יארן איזער געווען טעטיק צוזאמען מיט אנדערע חברים טעאטער־אמאטארן און טאטער־פּראפעסיאנאלן, מיט מיר בתוכם, אין יידישן טעאטער דאס ביי אונז אין לאנדאן.

מיט אן ערך א יאר צוריק איז אים אויסגעקומען אדורכצומאכן א שווערע אפּעראציע, פון וועלכער ער איז נישט מער געקומען צו זיך. צום באדוירן האב איך מיך ערשט דערוואוסט פון זיין פּטירה נאך די שלושים.

ווילט זיך ווינטשן זיין משפחה און אל פריינט, אז עס זאל פאר זיי זיין א טרייסט, וואס ער האט דערלעבט אזא טיפע עלטער — פון איבער 90 יאר.

כבוד זיין אנדענק!





# יוסף מלאטעק און מ. פרענק
## געסט־רעדנער ביים יידישן ביכער־יאריד אין וואשינגטאן

יוסף מלאטעק און משה פרענק, מיטארבעטער פון „פארווערטס“ זיינען געווען די הויפּט־רעדנער ביי דעם דריי־טאגיקן יידישן ביכער־יאריד, וואס איז אפּגעהאלטן געווארן אין יידישן קאמיוניטי־צענטער, אויף 6125 מאנטראז ראוד, ראקוועל, מערילאנד. זיי האבן גערעדט וועגן דער אנט־וויקלונג פון יידיש און יידישער קולטור.

יוסף מלאטעק איז דער באוואוסטער יידישער קולטור־אנפירער, צוזא־מען מיט זיין ליבער פרוי, חנה, א טאלאנטירטע שרייבערין. מען רופט זי חנה פון פערל פון דער יידישער פּאעזיע.

יעדן זונטאג אין „פארווערטס“ איז א רעפּעראט פון יוסף מלאטעק און זיין פרוי, חנה. די טעמע איז „די צוקונפט פון יידישער קולטור אין אמעריקע“.

אויפן ביכער־יאריד זענען אויפגעטרעטן איניקע גרופּעס, מיט יידישע סקיצן און געזאנג. ביי דער דערעפענונג האט די „תפארת ישראל־שול“ אויפגעפירט א גרויסע פארשטעלונג „יידיש אויף שבת“ — א פּראגראם באזירט אויף יידישע פאלקסלידער און פּאעזיע.

אכט אזייגער אין אוונט האט ראשעל שוסטערמאן און די אייזנער־פאמיליע פארגעשטעלט יידישע יום־טובים דורך די פּאעמעס און לידער פון אברהם רייזין צו דער געלעגנהייט פון דיכטערס 100־יעריקן געבוירטס־טאג.

עס האט אויך אנטייל גענומען דער ישראל־זינגער דזשערי היימאן.

עס איז געווען א גאר גרויסארטיקע אויסשטעלונג פון יידישע ביכער און יידישע רעקארדס ווי אויך פון ביכער אויף ענגליש וועגן יידיש, וועגן דער יידישער שפּראך און קולטור. הונדערטער יונגעלייט און יונגע מיידלעך האבן אויסגעקויפט אלע ביכער און די יידישע רעקארדס.

יוסף מלאטעק הערפילט דעם ריכטיקן חוב צו פארשטארקן די יידישע שפּראך אין קולטורעלן לעבן פון יידישן פאלק. ער איז אן עקשן אויפן „שלאכטפעלד“ פון יידישן קולטור־לעבן. ער גיט אוועק יעדע מינוט פון זיין לעבן און אויך פון זיין פאמיליען־לעבן, זעט גארנישט ארום זיך אחוץ דאס איינציקע, דאס שווערע יידישע קולטור־לעבן, וואס ציטערט, נעבעך, אין די הענט פון אזעלכע פארביסענע קעמפער ווי יוסף מלאטעק.

קעמפט יוסף מלאטעק טאקע שטארק פאר דעם המשך, אז אונזער קולטור זאל נישט פארוויסט ווערן, חלילה . . אזוי לאנג ווי מיר האבן נאך אזעלכע קעמפער פארן ביסל געבליבענעם יידישע קולטור, האבן מיר נאך א האפענונג, אז דאס ליכטעלע פון יידיש וועט נישט פארלאשן ווערן . .

חבר יוסף מלאטעק, זיי געשטארקט און זיי מוטיק אין דיין קאמף

אז יידיש זאל נישט געניזוקט ווערן! נאר מיט כוח און מיט א שטארקן ווילן, ווי דער ווילנער גאון האט געזאגט, קען מען אלץ דערגרייכן. „דו וויל נאר, וועסטו אייך זיין א גאון!“

יוסף מלאטעק נישט ער וויל, נאר ער גיט אוועק אלץ מיט וואס דער ליבער גאט האט אים באשאנקען: א קלוגן קאפ, אן אידעלע נשמה, אן ארבעטזאמער חבר מיט אלע גוטע מעלות. אזוי האט גאט אים באשאנקען מיט מזל צו באקומען אזא טייערע פרוי, מיט א גאלדענעם נאמען פון אונזער היסטאריע — חנה, זער א טאלאנטירטע שרייבערין. זייערע צוויי טייערע זונדעלעך, זלמן און משה, שטודירן נאך מוזיק. זלמן — אויפן קאנסערוואטאריום — מסתמא וועט ער ווערן א גרויסער מוזיקער — און משה קלייבט זיך צו ווערן א כאר־דיריגענט. זלמן ספעציאליזירט זיך אויף יידישער פאלקסמוזיק. מיט אייןווארט, עס איז א גאלדענע משפחה.

אזוי איז דער סדר־היום פון אט דער גאלדענער פאמיליע, זאל וואקסן מיט מזל און ברכה, פרייד און פארגעניגן אין זייער לעבן מענטשן וואס געבן זיך אפ פאר יידיש און יידישער דערציונג! אמן.

חנה האט יוסיפן געגעבן „צוויי מיליאן“ אט די צוויי גאלדענע זונדעלעך. ווי האט שלום עליכם געשריבן, א קינד איז א מיליאן און צוויי גאלדענע זונהעלעך זיינען „צוויי מיליאן“ — א מתנה. אזוי זאל אט די גאלדענע משפחה וואקסן און דערגרייכן זייער ציל. אמן!

און אזוי האב איך אייך ערלעך איבערגעגעבן וויאזוי דער ארבעטער־רינג איז זיך מקריב פאר יידיש און יידישער דערציונג.

דוד בערמאן

## שלאף, מיין קינד!

### א וויג־ליד פון דער צוקונפט

שלאף, מיין קינד, שלאף שוין, איי־ליו־לו,
ליגסט אין וויגל, באלד וועלן מיר פליען
צו א ווייט וואונדער־לאנד דארטן וואו
שטערן לייכטן וועסטו שפילן.

שלאף זשע, איי־ליי־לו, ווײן נישט מער,
מיר פליען אין א ראקעט, דו ביי מיין זייט,
אראפ מיר בליקן, אראפ צו דער ערד,
אויף דער זילבער־לבנה דו מיך באגלייט.

שלאף מיין קינד, איי־ליי־לו. אין וויגל,
שלאף רואיק אין דיין וויגל אצינד,
טרוימען גאר גרויסע איצטער איך קריג
פון רייזעס גאנץ ווייטע, מיין קינד.



שלאף זשע, קינד, איליי־לו, זיי שטיל,
מיר וועלן פליען אין דעם טאג פון טרוים
צו לבנה און צו דעם מארס, דעם ציל
אין א וואונדער־ראקעט אין קאסמישן רוים.

שלאף, מיין קינד, שלאף שוין, איי־ליו־לו,
ליגסט אין וויגל, באלד וועלן מיר פליען
צו א ווייט וואונדער־לאנד דארטן וואו
שטערן לייכטן וועסטו שפילן.

סעם גאלדבערג

## אן ענערגישער און גרויסער קעמפער פאר יידיש

אברהם ביעלינסקי, דער ענערגישער קעמפער פאר יידיש, נעמט אינטער צו שאפן צען יידישע פאלקלאר קאמפאניעס. אליין איז ער מיין מענעדזשער אין ענגלאנד, פראנקריין בעלגיען, בערלין, מינכן און קעלן וואס שייך יידישע רעוויס.

מיר וועלן איבעראל שפילן און פראפאגאנדירן דאס יידישע קינסט־לערישע ווארט. אברהם ביעלינסקי איז אן אלטער אקטיאר און א קעמ־פער פאר דער יידישער קולטור. נאך אין 1924 האט ביעלינסקי געשפילט מיט מיר טעאטער אין בערלין, אויף דער קייזער ווילהעלם־שטראסע, ליכ־טענבערגער שטראסע, סאפין זעהלער און דערביי איז ער אויך געווען א גוטער חבר. ר האט פאר אקטיארן געטון אלץ, וואס איז מעגלעך. ער האט אייך געהאט א שניידעריי פון מענער־מלבושים און געווען אן אנ־געזעענער מענטש אין דער פאליציי־פרעפעקטיר, ווייל ער האט געארבעט פאר זיי.

אברהם ביעלינסקי האט אויך פיל געהאלפן יידן, ווען עס איז נישט געווען דערלויבט צו וואוינען אין דייטשלאנד, מאכנדיק זיי לעגאל. אן ערך זעכציק יידישע פליטים פון פוילן האט ער אריבערגענומען. אליין איז ער א ווארשעווער און כל־ימיו געווען פארבונדן מיטן יידישן טעאטער. אן ערלעכער מענטש, געטריי איך אים טאקע די גאנצע קאסע פון טעאטער ווען איך בין אין ניו־יארק מיט א פארשטעלונג. מען קען אים גלויבן, אז וואס ער זאגט צו, וועט ער טון גאנצע הונדערט פראצ

מיט וועמען האט אברהם ביעלינסקי געשפילט טעאטער? מיט עפ־שטיין, מיט אדא פירסט, מיט משה זיידערמאן און פרוי, מיט מארקאוויטשן און פרוי, מיט לאטיינער און פרוי, מיט וויטעלזאן, פנחס לאוענדא, אדאלף טעפנער, יעקב זילבערס און פרוי, מיט אלעקסאנדער גראנאך, דעם דייטשן סטאר פון טעאטער און פילם און פאלקס־בינע.

ווען אלעקסאנדער גראנאך האט אויפגעפירט „דעם גאט פון נקמה“ פון שלום אש, האבן אלע יידישע אקטיארן מיטגעשפילט אין מאקס ריינהארדטס טעאטער; אסך דייטשע פילם־סטארס האבן אויך מיטגעשפילט.

און אזוי האב איך אייך ערלעך איבערגעגעבן ווער דער אינטערעסאנטער מענעדזשער מיינער איז, ווי ער וועט זיך באטייליקן אין דער פאלקס־רעווי וואס מען וועט אויפפירן אין צען לענדער, טאקע אונטער דער אנפירונג פון דעם הארציקן פריינט און קעמפער פאר יידיש — אברהם ביעלינסקי!

אייזיק גאלדבערג

## נעט רובין — א בעל־יובל

עס איז שוין מער ווי א טראדיציע צו פייערן אחוץ געבורטסטאג, חתונה־יובלס אויף א גרויסן פארנעם. א חתונה־יובל הייבט מען שוין אן צו פראווען ביי פינף יאר און אז מ'האלט שוין ביי פינף און צוואנציק, פראוועט מען א „זילבערנע חתונה“; און אז מען דערלעבט צו פופציק יאר — א האלבן יאר־הונדערט — דעמאלט — א „גאלדענע חתונה“!

פריינט נעט רובין, מיט זיין ליבער פרוי עני, האבן טאקע זוכה געווען דאס יאר צו פייערן זייער „גאלדענע חתונה“ מיט נחת פון זייערע ליבע קינדער, אייניקלעך, משפחה און פריינט. עס איז געווען א גאר פיינע שמחה, אין וועלכער עס האט זיך באטייליקט א גרויסער עולם נאנטע חברים פון בעל־היובל, ווי א. נ שטענצל, י. א ליסקי, סעם גאלדבערג, מאיר באגדאנסקי, דוד בערמאן, אייזיק און צביה גאלדבערג און אנדערע.

זאל עס דעם פארפאלק זיין מיט מזל און ברכה! מיר ווינטשן זיי נאך צו דערלעבן צו זייער „דיאמאנטענער חתונה“, און דערנאך וועט מען בעטן אויף ווייטער!

אבער עס איז אויך כדאי צו געבן א שטיקל איבערבליק וואס שייך ווער, וואס, איז נעט רובין. פארשטייט זיך, אחוץ אין זיין פריוואט לעבן.

געקומען איז נעט רובין פון פוילן קיין לאנדאן אלס א גאר יונגער בחור. דא האט ער זיך אקלימאטיזירט, ווי דער שטייגער איז, אין דער ענגלישער שפראך און קולטור. דאך איז ער געבליבן, ווי נישט אנדערע, א יידישער־ייד. א קשיא אויף א מעשה?

נעט רובין, אונזער בעל־היובל, דער יידישער ייד, האט נישט בלויז ליב יידיש, נאר דאס גאנצע לעבן האט ער געווידמעט דערפאר. נאך אלס יונגער בחור, נאך זיין קומען קיין לאנדאן, האט ער זיך אקטיוו מיטבאטייליקט מיט שפילן אין יידישן טעאטער און איז כל־ימיו געבליבן גוט באקאנט אין די טעאטער־קרייזן דא־הי.

און פון אנהויב פון דער לעצטער וועלט־מלחמה ביז אצינד באטיי־



ליקט ער זיך כסדר ביי די „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס“, אנגעפירט פון א. נ שטענצל, מיט פארלייענען פון אונזערע קלאסיקער, י. ל. פרץ, שלום עליכם און אויך פון די „יונגע“ יידישע שרייבער. עס איז זעלטן, אז ער זאל פארפעלן צו קומען א שבת און מהנה זיין דעם עולם, וואס האט אזוי א הנאה פון זיין פארלייענען. אייך אליין פילט ער זיך דערביי דערהויבן, ווי א פרומער ייד ביי זיין עבודה.

אזוי טוט נעט רובין און העלפט מיט אויפצוהאלטן יידיש און דעם גרויסן אוצר יידישע ליטעראטור. און שוין דערפאר וואס יארנלאנג גיט ער אפ אזויפיל צייט און מי אלס א ליבהאבער און מאמין אין יידיש, נישט זייענדיק א פראפעסיאנאל, פארדינט נעט רובין עס זיך כשר ויושר באצייכנט צו ווערן אלס א יידישער ייד.

ווינטשן מיר דעם בעל־היובל, נעט רובין, יונגע כוחות נאך ווייטער אנצוגיין מיט דער דאזיקער וויכטיקער ארבעט אויפן געביט פון יידיש.

נאך אסך אסך געזונטע יארן אייך!

נעט רובין

## די האיאריקע אויסשטעלונג ביים בן־אורי קונסט־פאריין

דער בן־אורי קונסט־פאריין איז שוין פון לאנג א יוסטע אינסטיטוציע דא הי ביי אונז אין לאנדאן, און מען חידושט זיך היינטיקע צייטן ווייניק מיט זיינס אן אויסשטעלונג; עס איז שוין אן אנגענומענע זאך, אז אזוי דארף עס זיין. יידישע קינסטלער האבן שוין אן אייגן ווינקל פאר זייערע שאפונגען.

נאר זייענדיק אויף דער האיאריקער אויסשטעלונג, איז מיר געקומען אויף דער מחשבה משה עובד, יהודה ביעטש און אנדערע, די פיאנערן, וואס האבן זיך אזוי מטריח געווען, איז מיר אין לאנדאן, וואו עס האט קיינמאל נישט געפעלט קיין יידישע מאלער און סקולפטארן, זאלן האבן א קונסט־אינסטיטוציע אן אייגענע, מיט אן היימיש־יידישלעכער סביבה.

און אזוי טראכטנדיק, האב איך שוין גענומען טראכטן פון אונזערע עלטער־זיידעס, זיידעס און טאטעס און פון זייער דראנג אויסצוואנדערן פון מזרח־אייראפע אין די מערב־לענדער אריין, אזוי, אז מיט דער צייט האט מען זיך איינגעווארצלט און איינגעבירגערט אין האלאנד, בעלגיען, פראנקרייך, ענגלאנד, די פאריייניקטע שטאטן פון אמעריקע, קאנאדע, אויסטראליען און אין נאך אנדערע מקומות. און וואו נאר מען האט זיך באזעצט, האבן אונזערע יידיש־רעדנדיקע יידן אנגעפירט — אפילו געשאפן — א גייסטיק קולטור־לעבן. „כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם“ איז דאך מקדמונים א יידישער כלל!

האט מען טאקע געגרינדעט טעגלעכע צייטונגען, פעריאדישע זשור־

נאלן, פארלאגן ארויסציגעבן יידישע ביכער, יידישע טעאטערס, וואס אויף זייערע בינעס פלעגן אויפטרעטן באקאנטע אקטיארן און אקטריסעס. די אינטעליגענץ אונזערע, דער חלק וואס האט פארשטאנען דעם ווערט און שעפערישקייט פון יידיש־לשון, האט ממש דערגרייכט אומשרייבלעך אסך אויף אט דעם דאזיקן געביט פון יידישער קולטור, חילה זיך נישט צו שעמען לגבי די דערגרייכונגען פון אנדערע און אפילו גרויסע פעלקער און לענדער.

האבן מיר האך דא אין לאנדאן יארן־לאנג געהאט א גאנצע ריי יידישע צייטונגען, ווי „די צייט" „דער פאמיליען־פריינט", „דער ארבייטער־פריינט", „יום־טוב בלעטער", „די דישע שטימע" און אנדערע, מיט זער טיכטיקע און באגאבטע רעדאקטארן, וואס בשעתם האבן זיי זיך קונה־שם געווען אין דער יידיש־זשורנאליסטישער וועלט, מיט זייער קאמף פאר סאציאלער גערעכטיקייט.

טראכטנדיק אזוי בשעת מיין באזוך אויף דער האיאריקער בן־אורי קונסט־אויסשטעלונג פון מאלעריי און סקולפטור, מיט א שלל פון עקס־פאנאטן, האב איך ממש געמוזט מיך פארטראכטן איבער דער צאל באַ־טייליקטע, זייערע שאפונגען און טעמעס, באמת פון די ארבע־פינות העולם. אבער אפצושאצן זייערע ארבעטן בין איך נישט בכוח. דאס איז שוין אן ענין פון א קונסט־קריטיקער, און דאס בין איך נישט! אבער אברהם ניסענבוימס צוויי ביוסטן, „מענדעלע מוכר ספרים" און „שלום עליכם", האבן מיך זער פארינטערעסירט פשוט דערפאר, וואס אט דער סקולפטאר האט שוין יא א שם אין דער וועלט פון קונסט צי נישט, נאר קענטיק, אז ער האט א געפיל פאר יידיש און דער יידישער קולטור. זאלן אנ־דערע זאגן מבינות איבער אים.

ג. בערסאן, משה עובד און יהודה ביעטש און די אנדערע פער־זענלעכקייטן וואס האבן געגרינדעט דעם בן־אורי קונסט־פאריין, זוכנדיק אפילו א פאנד פאר אן אייגענעם בנין, האבן בלי שום ספק אונז, דעם עולם און דעם יידישן קינסטלער, איבערגעלאזן א וויכטיקע ירושה — א ווינקל פאר יידישער קונסט, וואו שעפערישע מענטשן און ליבהאבער פון יידישער קונסט קענען זיך טרעפן און האבן א גייסטיקן גענוס.

## א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס

אזוי ווי דער נומער קומט האך ארויס, קאן עס מסתם זיין א גוטער סימן, אז מיר ווען ווייטער קאנען אנגיין, אבער מיט דער רעגלמעסיקייט פון פון די צענדליקער יארן מסתם שוין נישט. — די לעצטע 4 יאר איז אויך שוין כמעט קיין חודש זשורנאל נישט מער געווען.

נ.ב. הייאר איז דאס 40 יאר פון אנהייבן דערשיינען פון „לשון און לעבן".



אין די מלחמה־יארן איז ער מסתם געווען דער איינציקער יידיש־ליטעראַרישער זשורנאל וואס איז דערשינען אין אייראפע.

אבער פרייט איך נאך נישט, סיי די ליבהאבער פון יידיש און סיי די שונאים — יא, ס'זיינען אזעלכע אויך דא: —

אבער אז דער היינטיקער נומער קאן דאך נאך דערשיינען איז עס דער בעסטער סימן אז מיר וועלן ווייטער קאנען אנגיין.

•  •  •

ביים גיין צום דרוקער מיט דעם נומער איז אנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אז גאלדע מייער איז נפטר געוואָרן.

צו שרייבן אן ארטיקל איצט, על רגל אחת, איבער דער פערזענליכ־קייט פון פרוי גאלדע מייער, איז איבער מיינע כוחות איצט, צומאל בלויז איבער איר ליבשאפט צו יידיש. כאטש יוצא זיין, ווי מיט א מין רבנן־קדיש מיט די פיר סטראפעס

א פשוט גלות מיידל
דאס דערגרייכן האט געקענט
ביים לעבן א קעניגין
זי צו טראגן אויף די הענט.
און איצט צו איר לעצטן וועג,
מיט כבוד ווערן באערט,
זיך צוזאמענגעפלויגן,
די גרעסטע אויף אונזער ערד.

אזוינס געקענט געמאלט זיין,
ווען דאך אמאל דאס געשען,
דאס־א וואס אירע אויגן,
איר גאנצן לעבן געזען:

אז אויפהערן ארעם רייך,
אלע מענטשן ברידער זיין!
יתגדל ויתקדש — —
ס'איז וואר — אמן.

*  *  *

עפעס טוט זיך אין יידישן וועלטל מכוח יידיש — אפילו ווען ס'שמעקט מיט פאליטיק — עס טוט זיך אויף טישן און אויף בענק! אבער עפעס ממשותדיקס זעט מען נאך אלץ נישט — איז לאמיר האפן און גלייבן.

בײַ אונדז דאָ אין לאָנדאָן איז שוין באַלד גאָר נישט דאָ וואָס צו האָפן און גלײבן אָבער עפּעס איז דאָך געשען:

יעדן מאָנטיק און דינסטיק גייען אָן קורסן פֿאַר ייִדיש, יעדע קלאַס נעמט אַרום קרוב דרײַ מנינים סטודענטן. דער לערער איז אַבֿרהם חײַט.

אין זעלבן הלל־הויז: יעדן זונטיק טרעפֿט זיך אַ לײען־קרײַז פֿון ייִדישע סטודענטן פֿאַר וועלכע מען לייענט פֿאָר אין ייִדיש פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אָנפֿירער דוד קאַץ אין קעמבריטש פֿירט אָן מיט אַ קלאַס פֿאַר ייִדיש ברוך סמערין.

אין אָקספֿאָרד אינם צענטער פֿאַר העכערע ייִדישע שטודיעס זײַנען פֿאַראַן צוויי קלאַסן פֿאַר ייִדיש אײנע פֿאַר אָנפֿאַנגער די צווייטע פֿאַר מער אַוואַנסירטע. בײדע קלאַסן קומען פֿאַר יעדן מיטוואָך. דער אָנפֿיר דוד קאַץ.

אויב אַזוינס איז טאַקע מעגלעך בײַ אונדז דאָ אין ענגלאַנד איז עוד לא אבדו תקותינו.

נו, וועלן מיר כאַטש פֿאַרענדיקן מיט אַ לידל.

* * *

צו די אַלע זכותים,
וואָס מ׳רעכנט אַצינד אויס דעם פּאָפּ,
מ׳וועט מיר מוחל זײַן אַט דאָס —
איך רעד זיך בלויז פֿון האַרץ אַראָפּ.
(כ׳בין זיך מודה מתוודה,
קיין פּלאַץ פֿאַר אַזאַ שאלה איצט,
אין אַ יום־טובֿ פֿון אַ מענטש,
מ׳דערציילט רק מעלות וואָס ער באַזיצט.)

ס׳ווילט זיך פֿרעגן בלויז אַט־אַ וואָס:
קראָקעווער גלח, פּויפּס אַצינד,
האָט איר געראַטעוועט כאָטש,
אין ק״ק קראָקע, איין ייִדיש קינד.

ר׳ברויכט מיר נישט צו ענטפֿערן,
גאָט באַהיט! חלילה וחס,
זיך אַליין נאָר, מיט האַרץ קלאַפּ,
און מיט אויגן פֿון טרערן נאַס.

ער וועט זיכער מוחל זײַן
דאָס־אַ אָנגעשריבענע ליד;
לויט ווי מ׳שרײַבט, ר׳איז אַ פּאָעט,
פֿילן דעם קאָלעגע, דעם ייִד.



אַחרון אַחרון:

מ׳קאָן זיך פֿאָרשטעלן די פֿרייד בײַ פֿרײַנט פֿון ייִדיש לשון, ווען מיר האָבן געהערט, אַז אַ ייִדישער שרײַבער האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּרײַז פֿאַר ליטעראַטור.

דער ייִדישער ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג געווידמעט יצחק באַשעוויס־זינגער איז געווען אַ יום־טובֿדיקער — מיר שיקן אים אַ מזל־טובֿ און האַרציקע ברכות.

עיקר ושכחתי:

אַז אַ היין נעמט קרייען טראָגט מען צום שוחט, אָבער אַז אַ האָן קרייט ווייסט מען אַז ס׳טאָגט — נישט אַז „ס׳מאַגט אין די קעשענע" — נאָר אַז אַ נײַ ליכט נעמט אויפֿגיין! אַ וואַרעמע ליכטיקע זון וועט טון אַ שײַן.

אַ ווײַסער שוואָן זינגט נישט — ער וויינט ווען ער גייט שטאַרבן,
עס פֿעלן אים די קלאַנגען פֿאַר גאָלדענע פֿאַרבן
אַ ייִדישער לידל־זינגער טאָר נישט אויפֿהערן,
אַ רגע זינגען — נישט פֿאַרפֿלייצט ווערן פֿון טרערן.
און צום סוף דאָס כּיף ליד פֿון מײַן „שוואַנען געזאַנג"

איז דער מלאך המוות,
פֿאַר מײַן בעט אָנגעפֿלויגן,
אַ פֿאַרבליפֿטער מיך באַקוקט
מיט זײַנע טויזנט אויגן.

האָט ער הכנעהדיק זיך,
שטילינק פֿאַר מיר זיך פֿאַרבויגן:
אַזעלכענע ווי דו ביזט,
צו וואָס קאָנען זיי טויגן?

„אַז ערשט נאָכדעם ווי ס׳חיות,
פֿון זיי ס׳איז אַרויסגעזויגן,
הייבן זיי ערשט אָן לעבן."
געזאָגט און אַוועקגעפֿלויגן.

זיץ איך ווידער אויף בענקל,
און שרײַב בויגן נאָך בויגן,
ווי איך וואָלט די לידער פֿון — —
די פֿינגער אַרויסגעזויגן.

נ.ב.

על כן זיינען מיר מכריז ומודיע: די יעניקע וואס האבן שוין נעבעך געמיינט (עס גראמט זיך מיט געוויינט), אז „לשון און לעבן" האט שוין צוגעמאכט אן אויג, זאל זיך דערוויל נאך נישט פרייען — א שוידער ס׳גייט איבערן גאנצן לייב —

א פנים ס׳וועט היינט בייגאכט נאך שנייען.

* * *

דער אוונט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס לכבוד דעם בארימטן שרייבער יצחק באסשעוויס צום באנאבל פרייז איז געווען גאר א ימם־טובדיקער.



יצחק באסשעוויס געמאלן פון קלארא קלינגהאפער

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


480 39׳סטער יארגאנג מאי 1979 לאנדאן


אינהאלט


11 אפריל, יתגדל ויתקדש, די קארטשאק מיט די קינדער, דער שפת־אמת און דער אסטראוצער, די אייביקע מחלוקת בית שמאי און בית הלל, רבי יוחנן בן זכאי, לזכר די זעקס מיליאן קדושים, דרייסיק יאר מדינת ישראל

דער 19טער אפריל מאיר באגדאנסקי אסתר ערליכמאן 13

א פארזאמלונג פון פוילישע יידן אין לאנדאן ............ יעקב בן יוסף 18

ביי די מצות (פסח דערציילונג) ............ הערמאן אייזעראוויטש 21

די דריי און דרייסיק קארדינאלן ............ לארד ערווין סעמיועל 23

דאס טאג בוך ............ לאה ראבינסאן 31

דאס אלטע פידעלע, צום 80סטן געבוירן טאג פון מיין ברודער אברהם משה ............ עלא זילבערג 36

פויגעלע אויף קוימען, בלומען ............ א. נ. שטענצל 37

יידיש טעאטער אין ענגלאנד ............ הערי אריעל 38

„לאדזשער שטערן אויף מיין וועג" ............ סעם גאלדבערג 39

י. א. ליסקי — א בן־שבעים אייזיק גאלדבערג 42

ווערטער י. א. ליסקי, מוזיק מאיר באגדאנסקי 45

א שטעקעלע ארײן א שטעקעלע ארויס ............ ש. 46



רעדאגירט א. נ. שטענצל

פרייז 20 פענס

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorx House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.